# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

וישלח

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

**ארה"ב:**
Mechon Beer Emunah
1660 45th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**

2022 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## וישלח


כי לא יכול לו - דער אויבערשטער העלפט דעם בעל בטחון......................................ב
התקין עצמו לתפילה - דער גאָר גרויסער כח פון תפילה..........................................ד
וריוח תשימו - דער כח פונעם יצר, איז נישט מער ווי אַ דמיון.......................................י
ויאבק - דער עצם קאַמף מיט'ן יצר, איז גורם פאַר'ן אויבערשטען אַ נחת רוח...................יא
ויבן לו בית - טוהן גוטס מיט אַנדערע מענטשן.......................................................יד
ותרי"ג מצוות שמרתי - נאָר דורך תורה קען מען באַזיגן דעם יצר.................................יז



סדר ועימוד:
**א.י.ש. אשדוד**
shwrtz@bezeqint.net

# וישלח

### כי לא יכול לו - דער אויבערשטער העלפט דעם בעל בטחון

'ויירא יעקב מאד ויצר לו' (לב, ח). יעקב אבינו האָט געהערט אַז עשו קומט, זאָגט דער פסוק אַז יעקב האָט מורא געהאַט און עס האָט איהם וויי געטוהן.

זאָגן די בעלי התוספות, 'ויצר לו' - עס האָט איהם וויי געטוהן אַז, 'ויירא יעקב מאד' - אַז ער האָט מורא געהאַט, און ער האָט זיך נישט פאַרלאָזט אויף די הבטחה פונעם אויבערשטען[א], וואָס ער האָט איהם צוגעזאָגט (כח, טו) 'והנה אנכי עמך ושמרתיך בכל אשר תלך', ווייל דער מענטש וואָס פאַרלאָזט זיך אויף דעם אויבערשטען, ווערט דאָך אָפּגעהיטן מיט אַ ספּעציעלע שמירה פון הימל.

מיר געפינען טאַקע, אַז יעקב אבינו ע"ה האָט מורא געהאַט אַז ער האָט עפּעס אַ פּגם אין זיין בטחון אין דעם אויבערשטען, ווען דעם האָט ער געזאָגט (לב, יא) 'קטנתי מכל החסדים ומכל האמת אשר עשית את עבדך, כי במקלי עברתי את הירדן הזה, ועתה הייתי לשני מחנות', וואָס די ספרים טייטשן דעם פסוק, 'קטנתי' - מיין אמונה איז געוואָרן קלענער, ווייל אין די פריערדיגע צייטן, 'במקלי עברתי את הירדן הזה' - אָן יעדן חשש און פּחד, ווייל איך האָב זיך פאַרלאָזט אויף דעם אויבערשטען, אָבער יעצט, האָב איך מורא פון עשו, אויף אַזוי ווייט, אַז איך האָב געדאַרפט איינטיילן צוויי מחנות, צוליב דעם חשש אַז עשו זאָל נישט הרג'ענען ח"ו די גאַנצע מחנה.

ממש די זעלבע שרייבט דער 'אגרא דכלה', אַז ווען יעקב האָט געזעהן אַז ער האָט מורא, 'ויצר לו' - טאַקע אויף דעם אַליין האָט איהם באַנג געטוהן, אַז ער האָט מורא פון זיין ברודער. עס איז אַ שאַנדע פאַר צדיקים, מורא צו האָבן פון סיי וועלכע באַשעפעניש אויף דער וועלט, ווי דער 'חובות הלבבות' שרייבט (שער אהבת ה', פ"ו) אַז דער חסיד האָט געזאָגט: 'בוש אני מלירא משום נברא' - איך שעהם זיך מורא צו האָבן פאַר אַ באַשעפעניש אויף דער וועלט, עיי"ש.

אַזוי האָט דוד המלך ע"ה געזאָגט (תהלים כז, ג) 'אם תחנה עלי מחנה לא יירא לבי, אם תקום עלי מלחמה בזאת אני בוטח'. די כוונה דערפון איז, 'לא יירא לבי' - איך האָב נישט מורא אפילו 'אם תקום עלי מלחמה', ווייל איך האָב בטחון אין דעם אויבערשטען, און אין זכות פון בטחון וועט דער אויבערשטער מיר טאַקע שטיין צוהילף קעגן מיינע פיינט[ב]. (ענליכע ווערטער, שרייבט דער 'אלשיך' הקדוש, אין זיין ספר 'רוממות א-ל', תהלים כז, ג).

---

**א.** אויב מ'וויל וויסן דעם גדר פון זיך פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטען, קען מען עס זעהן פון דעם וואָס די פוסקים שרייבן ('משנה ברורה', סי' צב סקכ"ד, עפ"י המג"א סי' תקפה) אַז דאָרט וואו מ'איז מחויב צו שטיין, טאָר מען זיך נישט אָנלעהנען אויף אַ טיש אָדער אַ בענקל, ווייל 'סמיכה' איז אַזוי ווי מ'זיצט. און דער שיעור פון 'סמיכה' איז, אויב מ'זאָל אַוועקנעמען די זאַך אויף וועלכע דער מענטש לעהנט זיך אָן און ער וועט אַראָפּפאַלן, הייסט עס אַז ער האָט זיך אָנגעלעהנט אויף יענע זאַך.

דאָס זעלבע, ווען דער מענטש פאַרלאָזט זיך אויף זיינע געשעפטן, אויף אַן אופן אַז אויב מ'וועט אַוועקנעמען פון איהם די געשעפטן, וועט ער נאָך אַלץ 'בלייבן שטיין' אויף זיין אָרט, און זיין האַרץ וועט נישט 'פאַלן', ווערט ער נישט פאַררעכנט ווי איינער וואָס טוט זיך 'אָנלעהנען' אויף זיינע געשעפטן. מ'קען זאָגן אַז ער פאַרלאָזט זיך אויף דעם אויבערשטען. אָבער אויב דער מענטש שפירט ביי זיך אַז ער איז אַ 'געפאַלענער', ווייזט ער דאָך קלאָר מיט דעם אַז ער האָט זיך לכתחילה נישט פאַרלאָזט אויף דעם אויבערשטען.

**ב.** עס ווערט געברענגט ('ליקוטים חדשים', יו"ל תרפ"ד, ד"ה 'לחנוכה'), אַז די חשמונאים האָבן זוכה געווען צו ניסים נאָר אין זכות פון זייער בטחון אין דעם אויבערשטען. דאָס איז מרומז אין זייער נאָמען, ווייל מתתיהו און זיינע קינדער זענען דאָך געווען כהנים, און דאָס וואָרט 'כהן' באַטרעפט די צאָל 75, אַזוי ווי דאָס וואָרט 'בטחון'. אויב מיר וועלן גיין אין זייערע וועגן, וועלן מיר אויך זוכה זיין צו ניסים ונפלאות, בזמן הזה.

הגה"צ רבי יוסף האַלפּערין זצ"ל פון מאַנשעסטער זאָגט ('מעדני יוסף - זכרון שמואל') אַז ער האָט געזעהן אין אַ כתב-יד, אַז ס'איז געווען געשריבן 'מקבי' (אנשטאט 'מכבי') מיט אַ קו"ף (און אַזוי שרייבט דער 'צרור המור', פרשת ואתחנן, אין

אַזוי שרייבט אויך דער גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל ('אמונה ובטחון', פ"ב, ז) עס איז דאָ נאָך אַ זאַך ביי די מדה פון בטחון. אויף דעם מענטש וואָס האָט בטחון אין דעם אויבערשטען, רוהט רוח הקודש. עס באַגלייט איהם אַ גייסט וואָס טוט איהם אָנזאָגן די בשורה אַז דער אויבערשטער וועט איהם טאַקע העלפן[ג].

דער לימוד פאַר אונז פון דעם איז, אַז כאָטש דער מענטש דאַרף אַוודאי מקיים זיין דעם חיוב פון השתדלות, און זיך היטן ווי ווייט מעגליך פון אַ סכנה ח"ו, אָבער אויב מ'ברענגט איהם פון הימל צו אַ מצב וואָס זעהט אויס ווי אַ סכנה ח"ו, זאָל ער נישט פאַרלירן דעם גלייכגעוויכט, נאָר ער זאָל זיך שטאַרקן מיט אמונה און בטחון, אַז דער אויבערשטער וועט איהם אָפּהיטן און ראַטעווען פון אַלעם בייזן ('פה קדוש', להגאון רבי יצחק מוואָלאָזשין זצ"ל, ליקוטים, רות א, כ).

פון דער צווייטער זייט, געפינט מען אין פירוש ריב"א על התורה, אַז דער חשש און פחד זענען גורם צו ברענגען מדת הדין ח"ו אויפ'ן מענטש, ווי ער טייטשט דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (לב, כו) 'ותקע כף ירך יעקב'. כאָטש דער אויבערשטער האָט פאַרזיכערט יעקב אבינו ע"ה אַז ער וועט איהם היטן, ווי דער פסוק זאָגט 'ושמרתיך בכל אשר תלך', האָט דער מלאך

---

נאָמען פון 'מגילת חשמונאים'), וואָס איז ראשי תיבות מ'עולם ק'ווינו ב'ך י' (שם הוי' ב"ה). דאָס הייסט, די חשמונאים האָבן אויסגעקריצט אויף זייער פאָן, זייער בטחון אין דעם אויבערשטען, און נאָר אַדאַנק דעם האָבן זיי נישט מורא געהאַט, און אַזוי זענען וועניג און שוואַכע אַרויס אין אַ מלחמה קעגן שטאַרקע און מעכטיגע, און זיי האָבן טאַקע געזיגט.

עס ווערט געברענגט, אַז וועגן דעם פירט מען זיך צו זאָגן דעם מזמור 'יושב בסתר', נאָכ'ן צינדן חנוכה-לעכט (דער מקור דערפון איז פון רמב"ן, בספר זכירה, ועוד), אונז צו לערנען, אַז די הויפט עבודה פון אַ איד אין די טעג פון חנוכה, איז צו האָבן אמונה און בטחון, ווייל דאָס קאַפּיטל 'יושב בסתר' ווערט אָנגערופן אין די גמרא (שבועות טו:) 'שיר של פגעים'. (אַזוי ווערט עס אָנגערופן ביז דעם פסוק 'כי אתה ה' מחסי, עליון שמת מעונך')

עס איז כדאי צו ברענגען דאָ די ווערטער פונעם 'אבודרהם' (סדר התפילה למוצאי שבת), אַז וועגן דעם איז נישט דאָ אַן אות זיי"ן אין גאַנצן קאַפּיטל 'יושב בסתר', ווייל דער מענטש וואָס האָט בטחון אין דעם אויבערשטען, דאַרף נישט אָנקומען צו אַ 'כלי זיין'. זיינע פיינט פאַלן פאַר זיינע פיס, און עס ווערן בטל פאַר איהם אַלע פגעים רעים ומרעין בישין.

אַזוי זאָגט דער 'ספר החינוך' (מצוה תקיב) דאָס זאָגן די דאָזיגע קאַפּיטלעך העלפט אָפּצוהיטן דעם מענטש ער זאָל נישט האָבן אַ שאָדן, ווייל דאָרט זענען דאָ ווערטער וואָס זענען מעורר דעם מענטש צו פאַרלאָזן זיך מיט'ן גאַנצן האַרץ אויף דעם אויבערשטען, און איינצוקריצן אין האַרץ די מורא פון דעם אויבערשטען, און זיך פאַרלאָזן אויף זיינע חסדים און טובות.

**ג.** די צוויי הייליגע ברידער, הרה"ק רבי דוד'ל טאָלנער זי"ע און הרה"ק רבי יוחנן'טשע ראַחמיסטריווקער זי"ע, האָבן געפירט רבי'שע הויפן. צווישן ביידע הויפן, זענען געווען צוויי חילוקים: קיין טאָלנע, זענען געפאָרן טויזנטער חסידים ואנשי מעשה, צווישן זיי זענען געווען אידן גרויסע עשירים. קיין ראַחמיסטריווקע, אָבער, איז געפאָרן אַ קליינער עולם, און דער רוב פון זיי זענען געווען בלוטיגע אָרימעלייט ל"ע. אַמאָל האָט מען געפרעגט דעם טאָלנער פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, אַז זיינע חסידים זענען רייך, און די חסידים פון זיין יונגערן ברודער פלאָגן זיך אַזוי שטאַרק אויף פרנסה. האָט דער טאָלנער גערעטפערט: 'צו מיר קומען אַסאַך חסידים, און ווען איינער וויל שוין אַריינקומען צו מיר זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ אויף זיין שווערן מצב אין פרנסה, דאַרף ער וואַרטן לאַנגע שעה'ן ביז ער קען אַריינקומען, און ווען ער געפינט זיך שוין ביי מיר אין צימער, האַלט ער זיך נישט אויף דאָ צו-לאַנג. ער באַקומט אַ קורצע ברכה... ממילא, טראַכט דער חסיד ביי זיך, דער רבי האָט דאָך מיר כמעט נישט אָנגעוואונטשן, ממילא, האָב איך נישט קיין אַנדערע עצה ווי זיך צו פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטען. און אַזוי הייבט ער אויף די אויגן צום הימל און בעט ביי דעם אויבערשטען פרנסה, און צוליב דעם האָט ער פרנסה בכבוד. אָבער מיין ברודער האָט דאָך וועניג חסידים, און יעדער איינער קען פאַרברענגען אין רבינ'ס צימער אַ לענגערע צייט, און דער רבי הערט זיין ווײ-געשריי און ער דערמוטיגט איהם, אַז דער חסיד וואַרפט אַרויף זיין גאַנצע האָפענונג אויפ'ן רבי'ן, און ממילא, בעט ער שוין נישט אַזוי דעם אויבערשטען אויף אַ ישועה... וועגן דעם פלאָגט ער זיך אַזוי פאַר פרנסה'.

איהם יאָ באַוויזן צו שעדיגן. פאַרוואָס? ווייל ער האָט מורא געהאַט פון עשו, ווי דער פסוק זאָגט, 'ויצר לו', און אַזוי געפינען מיר ביי משה רבינו ע"ה, דער אויבערשטער האָט איהם געזאָגט (שמות ג, יב) 'כי אהי' עמך', און פונדעסטוועגן, איז ער געשעדיגט געוואָרן ווען ער האָט זיך געפונען אין אַ גאַסט הויז אונטערוועגנס, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר פרעה, ווי דער פסוק זאָגט (שם ד, יג) שלח נא ביד תשלח', עכ"ל.

**לויט** דעם, טייטשט דער זוטשקער רבי זי"ע (נחל יצחק, פרשתינו, ד"ה 'וירא כי') דעם פסוק 'וירא כי לא יכול לו ויגע בכף ירכו, ותקע כף ירך יעקב בהאבקו עמו', ווייל באמת האָט דער שר של עשו נישט געקענט שלעכטס טוהן פאַר יעקב, ווייל דער אויבערשטער האָט איהם נישט געגעבן רשות דערויף. וואָס האָט דער שר של עשו געטוהן? 'ויגע בכף ירכו' - ער האָט איהם אָנגעהאַלטן שטאַרק, און ער האָט איהם גאָרנישט טוהן (סתם אָנצוהאַלטן יעקב'ן, אָן שעדיגן איהם, האָט דער שר של עשו געהאַט רשות) און אויב יעקב וואָלט אַזוי פאַרשטאַנען, וואָלט ער אינגאַנצן נישט געשעדיגט געוואָרן, נאָר ווייל יעקב האָט געטראַכט אַז ער איז דער וואָס פירט די מלחמה מיט איהם, וועגן דעם האָט פאַסירט אַז 'ותקע כף ירך יעקב בהאבקו עמו'. זיין דיכט האָט זיך אַוועקגערוקט פון אָרט, ווייל ער האָט געקעמפט מיט איהם, און ממילא, קומט אויס אַז ער האָט אַליין גורם געווען אַז זיין דיכט זאָל אַוועקגערוקט ווערן פון אָרט.

און כאַטש מיר האָבן דאָך זיכער נישט אַ השגה אין די גרויסקייט פון יעקב אבינו ע"ה, 'בחיר שבאבות', פונדעסטוועגן וויל אונז די תורה לערנען, אַז מ'דאַרף האָבן דעם פולן בטחון אין דעם אויבערשטען, און נישט מורא האָבן פון קיין זאַך אויף דער וועלט, און דאַן וועלן מיר געהאָלפן ווערן מיט אַ תשועת עולמים.

**ענליבע** ווערטער, שרייבט דער 'ספורנו' (לב, כו) 'וירא כי לא יכול לו' - וויבאַלד יעקב איז שטענדיג געווען דבוק אין דעם אויבערשטען, במחשבה און בדיבור, איז ער געהיטן געוואָרן אויך פון דעם שר של עשו, נאָר וואָס דען, ווען האָט ער איהם יאָ געקענט טשעפּען, 'ויגע בכף ירכו', ווען ער האָט איהם געלאָזט וויסן וועגן דעם חטא וואָס זיין פאָלק וועט אַמאָל זינדיגן ח"ו, און וויבאַלד יעקב האָט זיך געזאָרגט וועגן דעם, האָט זיך אָפּגעשטעלט זיין דביקות אין דעם אויבערשטען, און אין יענע מינוט האָט געקענט פאַסירן אַז עס זאָל זיך אַוועקרוקן פון אָרט זיין דיכט - 'ותקע כף ירך יעקב בהאבקו עמו'.

### התקין עצמו לתפילה - דער גאָר גרויסער כח פון תפילה

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער פרשה (לב, ט), יעקב האָט געזאָגט: 'אם יבוא עשו אל המחנה האחת והכהו והיה המחנה הנשאר לפליטה'. זאָגט רש"י: 'התקין עצמו לשלשה דברים, לדורון, לתפילה[ד], ולמלחמה'.

---

**ד.** מיר האָבן געהערט זאָגן אַ טעם פאַרוואָס רש"י כאַפּט אָן דייקא דעם סדר, 'לדורון, לתפילה, ולמלחמה', און נישט אויף אַן אַנדערן אופן, 'תפילה, דורון, מלחמה'. נאָך מער, לויט'ן סדר פון די פסוקים, שטייט טאַקע קלאָר אַז צוערשט האָט יעקב אבינו ע"ה מתפלל געווען צו דעם אויבערשטען אַז ער זאָל איהם ראַטעווען פון עשו הרשע, און ערשט דערנאָך האָט ער געשיקט די מתנות. אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט רש"י משנה געווען און אויסגערעכנט די דריי זאַכן צו וועלכע יעקב האָט זיך געגרייט, נישט לויט'ן סדר.

איז דער תירוץ, אַז רש"י וויל אונז לערנען אַ גרויסן יסוד אין דעם ענין פון קבלת התפילה. דער אויבערשטער האָט איינגעפירט אויף דער וועלט, אַז לויט'ן דרך הטבע, העלפט יעדע תפילה, און דערפאַר האָט רש"י אויסגערעכנט תפילה צווישן 'דורון' און 'מלחמה', דיך צו לערנען, אַז פונקט אַזוי ווי דאָס געבן מתנות, און אויך דאָס פירן מלחמה, העלפן 'בדרך הטבע', אַזוי טוט אויך תפילה אויפטוהען מיט'ן דרך הטבע.

אַזוי שרייבט אויך דער מהרש"א (קידושין כט: חידושי אגדות, ד"ה 'אפשר') אַז כאַטש די גמרא זאָגט (שבת לב.) אַז ווען מ'מאכט פאַר איינעם אַ נס פון הימל רעכנט מען אַראָפּ פון זיינע זכותים צוליב דעם וואָס ער האָט זוכה געווען צו אַ נס, אָבער אויב דער מענטש האָט גע'פועל'ט די ישועה דורך תפילה, ווערט עס נישט אַראָפּגערעכנט פון זיינע זכותים, ווי דער מהרש"א שרייבט: 'ואין זה מיקרי דרך נס' - דאָס ווערט נישט אָנגערופן אַז עס איז געקומען דורך אַ נס.

**דאָ** אין דער פרשה, לערנען מיר אַ מורא'דיגן לימוד וועגן דעם כח פון תפילה[ה], ווי ווייט עס איז בכח צו העלפן דעם מענטש וואָס איז מתפלל. ער ווערט געהאָלפן אין אַלע ענינים, בגשמיות וברוחניות, ווייל דער פסוק זאָגט דאָך אין דער היינטיגער סדרה (לב, ו) אַז יעקב אבינו ע"ה האָט געשיקט זאָגן פאַר זיין ברודער עשו, 'ויהי לי שור וחמור, צאן ועבד ושפחה'. זאָגט דער 'רבינו בחיי', די שאָף ('צאן') זענען דאָך דער אויסדערוויילטער מין פון אַלע בהמות (ער ברענגט אַ ראיה דערצו פון די פסוקים ביי אברהם און יצחק, אַז די שאָף זענען שטענדיג געשטעלט געוואָרן פאַר די אַנדערע בהמות). אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט יעקב דאָ קודם געזאָגט 'שור וחמור', און ערשט דערנאָך 'צאן'?

**ענטפערט** דער 'רבינו בחיי', אַז יעקב האָט נישט געוואָלט טשעפּען מיט עשו'ן, ווייל עשו'ס גאַנצער כעס אויף יעקב איז דאָך געווען ווייל ער האָט איהם צוגענומען די ברכות, און די מעשה האָט פּאַסירט דורך שאָף, ווי רבקה אמינו ע"ה האָט געזאָגט צו יעקב (בראשית כז, ט) 'לך נא אל הצאן'. וועגן דעם האָט ער דערמאנט די שאָף ערשט שפּעטער, נאָך די אָקסן און אייזלען, כדי נישט זיך צו רייצן מיט עשו.

**אויב** אַזוי דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס ווען יעקב האָט איהם געשיקט צו עשו'ן די מתנות, ווערן יאָ דערמאנט אין אָנהייב פון פסוק די שאָף, 'עזים מאתים ותישים עשרים' (לב, טו)?

**ענטפערט** דער 'רבינו בחיי': עס איז אַ חילוק צווישן דעם מצב פון אַ מענטש, איידער ער איז מתפלל, און נאָך דעם ווי ער איז מתפלל[ו]. אַז פריער, איידער יעקב אבינו ע"ה האָט מתפלל געווען צו דעם

**ה.** דער 'חזקוני' אין דער היינטיגער פרשה שרייבט מורא'ידיגע ווערטער. לכאורה איז שווער, אויף די ווערטער פון פסוק (לה, כו) אַז בנימין איז געבוירן געוואָרן צו זיין מאמע רחל אין 'פדן ארם', לכאורה, בנימין איז דאָך נישט געבוירן געוואָרן אין פדן ארם, נאָר אין בית לחם, ווען רחל אמינו ע"ה איז נפטר געוואָרן. נאָר וויבאַלד ווען רחל האָט געבוירן יוסף'ן אין פדן ארם, האָט זי געבעטן 'יוסף ה' לי בן אחר', ווערט עס גערעכנט גלייך אַזוי ווי בנימין איז געבוירן געוואָרן אין פדן ארם, אין דער צייט און אינעם אָרט וואו רחל האָט מתפלל געווען און געשריגן צו דעם אויבערשטען בעטנדיג אויף נאָך אַ קינד, ווייל ווען אַ איד דאַווענט פועל'ט ער זיין ישועה, און עס ווערט איהם גערעכנט ווי ער איז שוין דעמאָלס געהאָלפן געוואָרן מיט די ישועה.

דער גאון דער טשעבינער רב זצ"ל האָט אַמאָל געלאָזט רופן צו זיך אַ בחור וואָס האָט זיך געהאַלטן אַביסל גרויס, און זיך באַטראַכט אַלס אַ תלמיד חכם מופלג וואָס האָט געברענגט דערצו אַז ער זאל גרינשעצן דעם ענין פון תפילה, און ער האָט איהם געזאָגט, די גמרא זאָגט (חולין צא:) אַז יעקב אבינו ע"ה איז פאַרביי געגאַנגען דעם הר המוריה, און פון דאָרט איז ער אָנגעקומען קיין חרן. ווען ער איז שוין אָנגעקומען קיין חרן, האָט ער געזאָגט, איז דען מעגליך אַז איך בין אַריבערגעגאַנגען אַן אָרט וואו מיינע עלטערן האָבן מתפלל געווען און איך האָב דאָרט נישט מתפלל געווען צו דעם אויבערשטען, האָט ער זיך באַרעכנט צוריקצוגיין, איז די ערד צוגעשפּרינגען פאַר איהם און ער האָט זיך געזעהן שטיין אויפ'ן אָרט פון מקום המקדש.

האָט דער טשעבינער רב געפרעגט, 'מתחילה מאי קסבר, ולבסוף מאי קסבר' - וואָס האָט יעקב געטראַכט פריער, וואָס ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט ביים הר המוריה, און פאַרוואָס שפּעטער האָט ער זיך באַרעכנט אַז ער האָט זיך יאָ געדאַרפט אָפּשטעלן דאָרט?

- נאָר - האָט דער טשעבינער רב געזאָגט צו דעם גרויסהאַלטערישן בחור - ווייזט אויס, אַז פריער האָט ער געטראַכט ביי זיך, דאַרף איך דען אָנקומען צום כוח פון תפילה, אַז איך זאָל מתפלל זיין? איך האָב דאָך דעם כח התורה אין מיין האַנט, וויבאַלד איך האָב געלערנט תורה אָן אַ הפסק במשך פון 14 יאָר (איך בין אַפילו נישט געשלאָפן זייענדיג אין דער ישיבה פון שם ועבר)... אָבער דערנאָך האָט יעקב זיך באַרעכנט, אַז 'מקום שהתפללו בו אבותי' - אַן אָרט וואו מיינע הייליגע עלטערן האָבן מתפלל געווען, דאַרף איך נישט זיין 'קליגער' פון מיינע עלטערן. אויב זיי האָבן דאָרט געדאַווענט, דאַרף איך אויך אַזוי טוהן... און מיר זעהען טאַקע אַז יעקב האָט מכוין געווען צום אמת, ווייל דער אויבערשטער האָט דאָך מסכים געווען דערצו, און ער האָט זוכה געווען צו קפיצת הארץ.

**ו.** הרב רבי יוסף דוב ראזענשטיין ז"ל פון בני ברק האָט דערציילט (און די מעשה ווערט געברענגט אויך אין ספר 'מעשה איש', ח"ג, ע' רכה) אַז פאַר זיבעציג יאָר צוריק, האָט אין ארץ ישראל געבושעוועט ביי קינדער די 'פּאָליאָ' מגיפה רח"ל.

אויך די טאָכטער פון ר' יוסף איז געוואָרן קראַנק מיט 'פּאַליאָ', און איין נאַכט, ווען ר' יוסף האָט געזעהן אַז זיין טאָכטער'ס לעבן איז אין אַ גרויסע געפאַר רח"ל, איז ער - זייענדיג אַ מקורב ביים דעם גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל - שנעל אַריבערגעלאָפן צום 'חזון איש', מיט'ן פעסטן באַשלוס אַז אויב ער שלאָפט שוין, וועט ער איהם אויפוועקן. אַריינקומענדיג אין הויז, האָט ער געזעהן ווי דער 'חזון איש' שטייט מיט'ן פנים אויסגעדרייט צו דער וואַנט, און מיט פאַרמאַכטע אויגן - אַזוי ווי ביים שטיין 'שמונה עשרה' - מאַכט ער די ברכה 'אשר יצר'. זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דער 'חזון איש' האָט נישט באַמערקט אַז ער איז אַריינגעקומען, אָבער ווען ער האָט געענדיגט די ברכה מיט די ווערטער 'רופא כל בשר ומפליא לעשות', האָט ר' יוסף אויסגעשריגן אַ הילכיגן 'אמן'.

האָט דער 'חזון איש' זיך אויסגעדרייט צו זעהן ווער איז דאָס דער וואָס האָט זיך געוואַגט אַריינצוקומען צו איהם אינמיטן נאַכט, און זעהענדיג ר' יאָסל'ען, האָט ער איהם געפרעגט איבער דעם צוועק פון זיין קומען אין אַזאַ שפּעטער שעה. האָט ר' יוסף געענטפערט: רבי, אַזוי און אַזוי איז דער מצב פון מיין טאָכטער. האָט דער 'חזון איש' געזאָגט: יאָסל, רעד נישט קיין נאַרישקייטן... גיי אַהיים, ווייל דיין טאָכטער געפינט זיך אין אַ גוטן געזונט צושטאַנד. ר' יאָסל האָט זיך אָבער ווייטער געהאַלטן ביי זיינעם: 'רבי, דער מצב איז ליידער גאָר שווער'. האָט דער 'חזון איש' איהם נאָך אמאָל געזאָגט: 'יאָסל, רעד נישט קיין נאַרישקייטן... איך האָב דאָך געזאָגט די ווערטער 'רופא כל בשר ומפליא לעשות', און דו האָסט געענטפערט דערויף 'אמן', איז דאָך איר לאַגע זיכער בעסער געוואָרן'. איז רבי יוסף אַהיים געגאַנגען, און געזעהן אַז די היץ איז ב"ה אינגאַנצן אַראָפּ, און זיין טאָכטער איז ב"ה פולשטענדיג געזונט געוואָרן.

אַרום זיבעציג יאָר צוריק, איז ביי הרב הגאון רבי נחמיה בעקער זצ"ל פון ירושלים געבוירן געוואָרן אַ זון. בשעת דעם געבורט, איז די יולדת געווען אין אַ גרויסע געפאַר, און די דאָקטוירים, אין שפּיץ מיט דעם באַרימטן דאָקטאָר דר. שיקלאש, האָבן געזאָגט, אַז כדי צו ראַטעווען די יולדת, מוז מען דורכפירן אַן אָפּעראַציע, אָבער דאָס וועט פירן דערצו אַז זי וועט מער נישט קענען האָבן קינדער, און דאס ניי-געבוירענע קינד וועט אייביג בלייבן אַ 'בן יחיד'. רבי נחמיה האָט באַצאָלט פאַר די אָפּעראַציע, און די דאָקטוירים האָבן זיך שוין געגרייט אָנצוהייבן די אָפּעראַציע. אָבער אין דער לעצטער מינוט, האָט רבי נחמיה זיך מיישב געווען, נישט צו לאָזן דורכפירן די אָפּעראַציע, ביז ער פרעגט נישט פריער אָן אַ דעת תורה ביי דעם גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל, צי מ'זאָל מאַכן די אָפּעראַציע אָדער נישט (אין יענע צייטן, האָט אַ נסיעה פון בני ברק קיין ירושלים, געדויערט אַסאַך שטונדן, וויבאַלד די טראַנספּאָרטאַציע איז דעמאָלס נאָך נישט געווען אַזוי פאָרגעשריטן ווי היינטיגע צייטן).

ווען רבי נחמיה איז אַריינגעקומען אין הויז פונעם 'חזון איש', האָט דער גאון געהאַלטן אינמיטן 'נטילת ידים' פאַר'ן דאַווענען מנחה. האָט רבי נחמיה איהם געזאָגט, 'איך בין געקומען אַהער פרעגן אַ שאלה פון פיקוח נפש'. האָט דער 'חזון איש' איהם געפרעגט וואָס ס'איז די שאלה. האָט רבי נחמיה געענטפערט שילדערנדיג דעם מצב פון זיין רעביצין. זאָגט איהם דער 'חזון איש': 'נו, וואָס איז די פראַגע? דאָ האַנדלט זיך דאָך אין פיקוח נפש, און ממילא דאַרפט איר פאָלגן וואָס די דאָקטוירים זאָגן, און לאָזן דורכפירן די אָפּעראַציע'. דאַן האָט דער 'חזון איש' געפרעגט רבי נחמיה'ן, צי ער האָט שוין געדאַוונט מנחה, אויף וואָס רבי נחמיה האָט געענטפערט, ניין. האָט דער 'חזון איש' איהם געזאָגט, ער זאָל מיטדאַווענען מנחה מיט זיין מנין...

נאָך מנחה, ווען רבי נחמיה האָט זיך געאיילט צוריקצופאָרן קיין ירושלים, האָט דער 'חזון איש' איהם צוגערופן און געהייסן נאָך אַמאָל איבערפרעגן די שאלה וואָס ער האָט פריער געפרעגט. האָט רבי נחמיה נאָך אַמאָל איבערגעזאָגט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, אַז די דאָקטוירים זאָגן אַז מ'מוז אַדורכפירן אַן אָפּעראַציע איבער די יולדת. האָט דער 'חזון איש' איהם געזעגנט, און געזאָגט מ'זאָל נישט מאַכן די אָפּעראַציע... האָט רבי נחמיה זיך זייער געוואונדערט: דער רב האָט דאָך מיר ערשט פריער געזאָגט אַז 'פיקוח נפש' איז דוחה די גאַנצע תורה? האָט דער 'חזון איש' איהם געענטפערט: 'כאן לפני מנחה, כאן לאחר מנחה'... (דאָס הייסט, פריער האָבן מיר נאָך נישט געהאַט געדאַוונט מנחה, האָב איך אייך אַזוי געענטפערט, אָבער יעצט, אַז מ'האָט שוין מתפלל געווען תפילת מנחה, זענט איר געהאָלפן געוואָרן מיט דעם כוח פון תפילה...). האָט רבי נחמיה ווייטער געפרעגט, און וואָס איז מיט'ן געלט וואָס איך האָב שוין באַצאָלט פאַר די דאָקטוירים? האָט דער 'חזון איש' איהם געענטפערט: 'אויב די דאָקטוירים וועלן פון זיך אַליין, אייך צוריקגעבן דאָס געלט, זאָלט איר עס נעמען, און אויב נישט, זאָלט איר זיי נישט מאָנען...'.

ווען רבי נחמיה איז צוריקגעקומען אין שפּיטאָל נאָך עטליכע שעה, און ער האָט איבערגעגעבן פאַר די דאָקטוירים וואָס דער 'חזון איש' האָט געזאָגט, אַז מ'זאָל נישט מאַכן די אָפּעראַציע, זענען זיי געווען אויסער זיך פאַר כעס,

אויבערשטען ער זאָל איהם ראַטעווען פון עשו'ס מערדערישע הענט, האָט ער נישט געוואָלט אַז די שליחים, די מלאכים, וואָס ער שיקט צו עשו'ן זאָלן אָנהייבן מיט די שאָף, ווייל ער האָט מורא געהאַט אַז דאָס וועט זיין אַ סיבה אויפצוואוועקן עשו'ס שנאה צו איהם אַז ער האָט צוגענומען פון איהם די ברכות, אָבער יעצט, נאָך דעם ווי יעקב האָט שוין מתפלל געווען צו דעם אויבערשטען, האָט ער אינגאַנצן נישט מורא געהאַט פון עשו, נאָר אדרבה, ער האָט אָנגעהויבן מיט די ציגן, כדי איהם צו לאָזן וויסן, אויב דו האָסט אין פּלאַן מלחמה צו האַלטן מיט מיר, וועסטו מיר נישט בייקומען, ווייל איך האָב דאָך באַקומען די ברכות דורך די 'שני גדיי עזים' (ווי דערציילט אין פּרשת תולדות), און אונזער טאַטע יצחק האָט מיר געזאָגט (בראשית כז, כט) 'הוה גביר לאחיך', אָבער דיר האָט ער געזאָגט 'ואת אחיך תעבוד'ז (שם פּסוק מ).

---

שרייענדיג, דאָ האַנדלט זיך פון 'דיני נפשות', און ווי אַזוי קענט איר מסכים זיין נישט צו מאַכן די אָפּעראַציע (לויט די מיינונג פון די דאָקטוירים אין שפּיטאָל איז ער געווען אין דער בחינה פון אַ 'מאבד עצמו לדעת'...). אָבער רבי נחמיה האָט שטרענג געזאָגט: 'דער רב האָט געהייסן נישט אָפּערירן'...

עטליכע טעג שפּעטער, האָט זיך קלאָר אַרויסגעשטעלט דער גרויסער נס, און ווי ווייט עס האָט דערגרייכט דער דעת תורה פונעם 'חזון איש', ווייל מ'האָט געפונען אין קערפּער פון די יולדת אַן אינפעקציע רח"ל, וואָס מ'קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן די סכנה וואָס וואָלט געהערשט איבער איר לעבן אויב מ'וואָלט איר אָפּערירט בשעת זי האָט געליטן פון אַן אינפעקציע ל"ע. די פרוי האָט טאַקע מאריך ימים געווען לאַנגע יאָרן, און האָט שפּעטער אַפילו געבוירן ניין קינדער, זון און טעכטער,ביים פולסטן געזונט בעזהי"ת (אויך דאָס געלט וואָס רבי נחמיה האָט שוין געהאַט געצאָלט פאַר די אָפּעראַציע, האָבן די דאָקטוירים איהם צוריקגעגעבן).

רבי נחמיה'ס קינדער האָבן צוגעגעבן צו די מעשה, אַז זייער טאַטע פלעגט אַלע יאָרן זאָגן: זעהט נאָר, אויך ביי אַזאַ גרויסן מענטש ווי דער 'חזון איש', איז געווען אַ נפקא מינה צווישן פאַר מנחה און נאָך מנחה, ווייל מיט איין תפילה, איז דער מענטש בכוח איבערצודרייען זיין גאַנצן מצב לטובה ולברכה.

**ז.** דעם גרויסן כח פון תפילה, קען מען זעהן פון די ווערטער פון חז"ל (כתובות קד.) אַז אין לעצטן טאָג פון לעבן פון רבינו הקדוש אויף דער וועלט, האָבן די חכמים אויסגערופן אַ תענית, און אַלע אידן האָבן מתפלל געווען. דאַן האָט מען געזאָגט, אַז דער מענטש וואָס וועט זאָגן אַז רבי איז שוין נסתלק געוואָרן זאָל געשטאָכן ווערן מיט אַ שווערד. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס איז עס אַזאַ געפערליכע עבירה אויב עמיצער וועט זאָגן אַז רבי איז נסתלק געוואָרן, אויף אַזוי ווייט אַז זיין שטראָף איז מ'זאָל איהם שטעכן מיט אַ שווערד?

ענטפערט דער 'שיטה מקובצת' (אין נאָמען פון רש"י, מהדורא קמא), אַז די חכמים האָבן געוואוסט וועגן דעם גרויסן כח פון תפילה, אַז עס איז אַפילו אימשטאַנד לעבעדיג צו מאַכן אַ טויטן, וועגן דעם האָבן זיי געוואָלט אַז דער המון עם זאָל מתפלל זיין אַז רבי זאָל בלייבן לעבן, און די תפילה זאָל העלפן איהם איבערצולאָזן אויף דער וועלט אַפילו אויב ער איז שוין נסתלק געוואָרן, נאָר זיי האָבן חושש געווען, אַז אויב עס וועט ווערן באַקאַנט אַז עס איז שוין חלילה 'לאחר מעשה', און רבי איז נסתלק געוואָרן, וועט מען שוין נישט דאַוונען און בעטן דעם אויבערשטען. וועגן דעם האָבן זיי אויסגערופן אַז יעדער וואָס וועט זאָגן 'נח נפשיה דרבי' זאָל געשטאָכן ווערן מיט אַ שווערד, און ממילא וועט מען ווייטער אומאויפהערליך מתפלל זיין אויף די חזקה אַז רבי לעבט נאָך, און אַזוי וועט מען טאַקע פועל'ן מיט די תפילה אַז ער זאָל לעבעדיג ווערן.

פון די דערמאנטע מעשה אין דער גמרא וועגן דער הסתלקות פון רבינו הקדוש, לערנען מיר נאָך אַ וויכטיגן לימוד, אַז קיין איין תפילה ווערט קיינמאָל נישט אומגעקערט ליידיג. אפילו ווען עס זעהט אויס אַז די תפילה האָט נישט אויפגעטוהן וואָס עס האָט געדאַרפט אויפטוהן, מאַכט עס נאָך אַלץ אַ רושם אין הימל און עס דרייט איבער אַלע מערכות, ווייל די גמרא זאָגט דאָרט (דף קג.) אַז רבינו הקדוש האָט זיך באַוויזן יעדן פרייטאָג צו נאַכטס צו זיין משפחה, אויסזעהענדיג ממש ווי אַ לעבעדיגער מענטש, ווי דער גאון רבי עקיבא איגר זצ"ל צייכנט-צו אין 'גליון הש"ס', די ווערטער פונעם 'ספר חסידים' (סימן תתשכז) וואָס ער שרייבט: רבינו הקדוש איז געזעהן געוואָרן מיט זיינע שיינע קליידער וואָס ער פלעגט אָנטוהן יעדן שבת ווען ער האט געלעבט, און ער האָט מוציא געווען דאָס הויז געזינד מיט קידוש, נישט אַזוי ווי די אַנדערע נפטרים וואָס זענען פּטור פון קיום המצוות (און ממילא קענען

זיי נישט מוציא זיין אַנדערע מענטשן מיט קידוש). 'כי צדיקים חיים, ופוטרים בקידוש' - ווייל די צדיקים לעבן, און זיי פּטר'ן אַנדערע מענטשן מיט קידוש. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט נאָר רבינו הקדוש זוכה געווען דערצו, אַ זאַך וואָס מיר געפינען נישט ביי אַנדערע הייליגע תנאים? אויך דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט די התגלות פון רבינו הקדוש, פּאַסירט נאָר פרייטאָג צו נאַכטס, און נישט אין אַן אַנדערן זמן?

ענטפערט דער 'בן יהוידע' (כתובות, שם) מיר ווייסן דאָך אַז 'אין הקדוש ברוך הוא מקפח שכר כל בריה' - דער אויבערשטער טוט נישט פאַרמינערן דעם שכר פון קיין שום באַשעפעניש פאַר אַ גוטע זאַך וואָס ער האָט געטוהן, און מיר געפינען אַז אַלע חכמים אין דור פון רבינו הקדוש, האָבן זיך משתדל געווען מתפלל צו זיין פאַר רבי אַז ער זאָל נישט נסתלק ווערן, און זיי האָבן גאָר אַסאַך מתפלל געווען פאַר איהם און געוויינט פאַר זיין ערהוילונג. זיי האָבן זיך אויך געפייניגט מיט פאַסטן ברבים, אַ זאַך וואָס מ'האָט קיינמאָל נישט געטוהן פאַר אַן אַנדערן צדיק, און כאָטש 'נצחו אראלים את המצוקים', און רבינו הקדוש איז צום סוף נסתלק געוואָרן, האָט דער אויבערשטער אָבער נישט אַראָפּגענומען פון זייער שכר און ער האָט געגעבן רשות פאַר רבינו הקדוש אַראָפּצוקומען אויף דער וועלט אין דעם לבוש פון זיין גוף, כדי עס זאָל ווערן גערעכנט אַזוי ווי רבינו הקדוש לעבט נאָך אויף דער וועלט, און אַזוי וועט ווייטער פליסן די שפע וואָס זיין דור האָט גענאָסן ביי זיין לעבן, אין זיין הייליגן זכות, ווייל דער גרעסטער שאָדן וואָס עס ברענגט מיט זיך די הסתלקות פון אַ צדיק איז דאָס וואָס עס ווערט אָפּגעהאַקט די שפע וואָס איז געקומען אין זיין זכות.

שרייבט דער 'בן יהוידע' ווייטער: אָבער יעצט, אַז רבינו הקדוש קומט אַראָפּ אויף דער וועלט און ער זיצט צווישן די לעבעדיגע מענטשן, ווערט עס נישט גערעכנט גלייך אַזוי ווי ער וואָלט נסתלק געוואָרן פון דער וועלט. 'ואז גם אותו השפע שהיו נשפעים ממנו בהיותו בחיים ממש אינו מסתלק' - און דאַן, איז אויך די שפע וואָס איז נשפע געוואָרן פון איהם ווען ער האָט געלעבט, ווערט ממש נישט אָפּגעטוהן, עכ"ל.

לויט דעם איז פאַרענטפערט פאַרוואָס רבינו הקדוש איז צוריק אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט דייקא אין דעם זמן פון ליל שבת קודש, פרייטאָג צו נאַכטס, ווייל דעמאָלס איז דער זמן פון 'השתלשלות השפע', ווען עס קומט אַראָפּ אויף דער וועלט די שפע פאַר די גאַנצע קומענדיגע וואָך.

אַזוי געפינען מיר אין זוהר הקדוש (ח"ב פח.) וואָס מ'זאָגט פרייטאָג צו נאַכטס פאַר קידוש, וואו ער רעדט וועגן די דערהויבנקייט פון די צייט פון פרייטאָג צו נאַכטס, אַז אַלע טויערן פון ברכה זענען דעמאָלס אָפן, און פון דעם קומט אַראָפּ די השפעה אויף דער גאַנצער קומענדיגער וואָך הבעל"ט. ממילא, דאַרף מען געדענקען, אַז אין די יעצטיגע ווינטער-שבתים, ווען דער הייליגער שבת קומט אַריין פרי, זענען מיר זוכה בחסדי ה', צו 13 שעה בערך, ווען אַלע טויערן זענען ברייט אָפן, און 'כל הרוצה ליטול יבוא ויטול'...

ממילא דאַרף מען מאַכן אַ חשבון, זאָל יעדער איינער זיך אַליין מתבונן זיין אין זיין סדר היום, ווי אַזוי עס גייט אַריבער אויף איהם דער פרייטאָג צו נאַכטס, ווען עס איז אַ בחינה פון 'לילה כיום יאיר' מיט זיין גרויסע הייליגע לעכטיגקייט. וויפיל שעה'ן מ'נוצט אויס צו דערהייבן זיך מיט די קדושה פונעם שבת, אין תורה און עבודה און מיט שירות ותשבחות פאַר'ן מלך א-ל חי וקיים - 'לא-ל אשר שבת בורא', און וויפיל שעה'ן גייען אַדורך ליידיג...

הגה"צ רבי יאַנקעלע גאַלינסקי זצ"ל האָט דערציילט, אַז ער איז אַמאָל אַריינגעקומען אין שטאָטישן פלייש-געשעפט קויפן פלייש, און ער האָט געזעהן ווי דער גאַנצער געשעפט איז 'איבערגעדרייט', די שענק און די טישן זענען אַלע אין אַ זייט, ממש אַ בחינה פון 'ונהפוך הוא'... דער קצב און זיינע העלפער זענען איבערגעבויגן אויף דער ערד און זיי זוכן אין אַלע לעכער. ווען ער האָט געפרעגט וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט מען איהם געענטפערט, אַז די 'עזר כנגדו', דאָס ווייב פון דעם קצב, איז געקומען אַרויסהעלפן אין געשעפט, און זי האָט אויף אַ מינוט אויסגעטוהן דעם גאָר טייערן דיאַמאַנטן-שטיין וואָס זי האָט געטראָגן אויפ'ן פינגער, און יעצט, איז דאָס טייערע רינגל פאַרשוואונדן...

האָט רבי יאַנקעלע דערציילט, 'בין איך אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן, און איך האָב באַמערקט אַ קאַץ אין דעם מיסט-קאַסטן, וואו זי זיצט און 'לעקט די ביינער', אויפצועסן די איבערגעבליבענע שטיקלעך פלייש וואָס מ'האָט אַרויסגעוואָרפן אין מיסט-קאַסטן. דאַן האָב איך פלוצלינג געזעהן ווי די קאַץ הייבט אויף אַ האַרטן חפץ, זי טאַפּט עס אָן און שמעקט עס פון אַלע זייטן, און דאַן וואַרפט זי עס אַוועק און נעמט זיך ווייטער גראָבן אינעם מיסט... האָב איך גוט געקוקט, און געזעהן אַז דאָס איז דאָס רינגל בכבודה ובעצמה. איך האָב געוואָלט שרייען צו די

קאַץ, אוי נאַרישע קאַץ, דו האָסט דאָך געהאַט אַזאַ טייערן דיאַמאַנט וואָס פון די ווערד דערפון האָסטו געקענט קויפן אַ גוט שטיקל פלייש, וואָס זאָל זיין גענוג פאַר דיר פאַר'ן גאַנצן לעבן, און דו האָסט עס אַוועקגעוואָרפן, ווייל ס'איז פאַר דיר געווען וויכטיגער און בעסער אַ שטיקל פאַרשטינקען פלייש... אַזוי איז אָבער די נאַטור פון אַ קאַץ'...

און רבי יאַנקעלע גאַלינסקי האָט אויסגעפירט:

- מיר זענען דאָך מענטשן בעלי שכל ודעת, איז לאָמיר נישט אַוועקוואַרפן אַ דיאַמאַנטן-רינגל פאַר אַ פאַרשטינקען שטיקל פלייש...

לדידן יאמר, ליל שבת קודש איז דאָס 'קידושין רינגל', מיט וועלכן דער אויבערשטער איז מקדש זיין פאָלק אידן מיט אַן אהבה רבה און אַן אהבת עולם, וויר מיר זאָגן אין דעם שטיקל 'אתה קדשת' (ווי עס שטייט אין 'מטה משה', סי' תנ). לאָמיר אַלזאָ זעהן נישט אַוועקצוואוואַרפן אַזאַ 'טייערן שטיין', פאַר אַביסל הבלי עולם הזה...

וועט דער מענטש זאָגן, 'והשינה משובחת'... און 'שינה בשבת תענוג' (ילקוט ראובני, פ' ואתחנן), קען מען דאָך מקיים זיין די מצוה פון 'עונג שבת' מיט שלאָפן... אויף דעם האָט שוין געזאָגט דער ווילנער גאון זצ"ל, אַז חז"ל האָבן מדייק געווען צו זאָגן דאָס לשון 'שינה בשבת תענוג', אונז צו לערנען, אַז דער שלאָף אין שבת דאַרף זיין אַזוי ווי דער 'קינוח' וואָס מ'עסט ביים סוף פון די סעודה, צו געבן פאַרגעניגן פאַר דעם גוף, אָבער אויב מ'עסט צופיל זיסקייטן, קען מען נאָך חלילה אויסברעכן די גאַנצע סעודה וואָס מ'האָט געגעסן... דאָס זעלבע איז מיט'ן שלאָף, מ'זאָל נישט 'צופיל' שלאָפן... (און אַוודאי געוויס, איז נישט קיין ענין צו שלאָפן פון 9 אַזייגער ביינאַכט, ביז ...).

דער גאון בעל 'בן איש חי' זצ"ל, זאָגט אַ משל, צוויי גוטע פריינט האָבן זיך געפלאָגט אויף פרנסה, האָבן זיי זיך מיישב געווען, אַז דער איינציגער וועג פאַר זיי איז אַרומצוגיין בעטלען איבער די הייזער, און זוכן מאכלים אַהיימצוברענגען פאַר די בני בית. נאָכ'ן אַרומגיין אַ גאַנצן טאָג איבער די הייזער (יעדער פון זיי באַזונדער), האָבן זיי זיך באַגעגנט אין אָוונט, און געוויזן איינער פאַר דעם אַנדערן דעם 'אוצר' וואָס זיי האָבן באַוויזן צונויפצוזאַמלען, אָבער אין דער צייט ווען דער ערשטער האָט קוים באַוויזן צוזאַמענצוקלייבן אַביסל איבערגעבליבענע שפייז און האַרטע ברויט וואָס מ'קען קוים אַריינעמען אין מויל אַריין, האָט דער צווייטער אָנגעפילט גאַנצע קאָרבן מיט אַלעם גוטן, 'בשר ודגים וכל מטעמים'. האָט דער 'לא יוצלח' געפרעגט זיין חבר, זאָג מיר, ווי אַזוי האָסטו מער מצליח געווען ווי איך? איך האָב זיך דאָך אַרומגעדרייט לאַנגע שעה'ן און כ'האָב קוים באַוויזן עפּעס צוזאַמענצושטעלן. וואָס איז דער 'סוד' פון דיין הצלחה... האָט זיין חבר איהם געענטפערט: 'איך בין אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער, בלויז אַ קורצע צייט... נאָר איך האָב געקלאַפּט אויף די טירן אין דער צייט ווען די 'באַלעבאַטים' זעצן זיך עסן זייער מאָלצייט, און די טישן זענען דעמאָלס פול מיט אַלעם גוטן, ממילא, האָבן זיי מיר דערלאַנגט פולע הויפענס פון די מאכלים וואָס זענען געלעגן אויפ'ן טיש. אָבער דו ביזט געגאַנגען אין דער צייט ווען מ'עסט נישט, ווען די טישן זענען ליידיג, ממילא, האָבן זיי נישט געהאַט וואָס דיר צו געבן, נאָר פון די איבערבלייבענישן פון די סעודות...

דאָס זעלבע איז מיט די השפעות וואָס מ'גיט פון הימל פאַר יעדן איינעם וואָס בעט עס. כאָטש די טיר איז שטענדיג 'אָפען', אָבער פרייטאָג צו נאַכטס, איז דער שעת הכושר צו קומען און בעטן אַ 'נדבה', ווייל דאַן ווערן אָנגעגרייט אַלע גוטע השפעות, און מ'גיט דעמאָלס 'בעין יפה', פון דעם וואָס 'ליגט אויפ'ן טיש', אָבער דער מענטש וואָס בעט נאָר אין די וואָכן-טעג, ליגט דאָך נישט כביכול די שפע גרייט, נאָר מ'גיט נאָר פון די 'איבערבלייבענישן' פון שבת קודש...

מ'דערציילט, אַ סוחר וואָס האָט געהאַט שווערע צייטן, אזש אַז ער האָט ממש געהאַלטן פאַר באַנקראָט, האָט ער זיך מזכיר געווען ביים אלכסנדר רבי'ן, הרה"ק בעל 'ישמח ישראל' זי"ע. דער 'ישמח ישראל', וועלכער האָט געוואוסט אַז דער איד האַלט ליידער אָפּען דאָס געשעפט אין שבת, און ער האָט דערקענט אויף איהם אַז אויב ער וועט איהם הייסן פאַרמאַכן דאָס געשעפט אין שבת וועט ער נישט פאָלגן, מיט'ן תירוץ אַז אין דעם טאָג פון שבת קומען אַסאַך מער מענטשן אין געשעפט קויפן, האָט ער איהם דעריבער 'פאַרגעשלאָגן', אַז ער וויל אונטערשרייבן מיט איהם אַ 'שותפות'... דער איד האָט זיך זייער געפרייט מיט די גרויסע זכיה וואָס איז איהם אונטערגעקומען, צו ווערן אַ שותף מיט'ן רבי'ן, און ער האָט מסכים געווען דערצו. האָט דער 'ישמח ישראל' איהם געזאָגט, 'קום און מיר וועלן מאַכן אַ שטר, און עס אונטערשריבן אַז דו פאַרקויפסט מיר אַ זיבעטל חלק (בערך 15 פּראָצענט) פונעם געשעפט, מיט אַ 'קנין גמור'... מ'האָט אַזוי געטוהן. דערנאָך האָט דער 'ישמח ישראל' געזאָגט צו דעם איד:

**וריוח תשימו - דער כח פונעם יצר, איז נישט מער ווי אַ דמיון**

**אין** דער היינטיגער פרשה (לב, יז) לייענען מיר: 'עברו לפני וריוח תשימו בין עדר ובין עדר'. זאָגט רש"י, 'וריוח תשימו', יעדע סטאַדע זאָל גיין פאָרנט פון דער אַנדערער סטאַדע, 'מלוא עין' - ווי ווייט דאָס אויג פון אַ מענטש קען זעהן, כדי צו זעטיגן דאָס אויג פון דעם רשע עשו, ער זאָל מיינען אַז יעקב האָט געשיקט אַסאַך מתנות.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, יעקב האָט דען געשיקט אַסאַך מתנות? ס'איז דאָך נישט געווען מער ווי סתם אַ דמיון (עס זאָל אויסזעהן ווי אַסאַך).

**ענטפערט** הגה"צ רבי יחזקאל לעווענשטיין זצ"ל, דער גאַנצער מהות פון דעם רשע עשו, וואָס ער איז מרמז אויף דעם יצר הרע, איז דאָך נאָר סתם אַ

---

- נו, אַז כ'בין אַ שותף אויף אַ זיבעטל חלק פון דיין געשעפט, האָב איך דאָך אַ רעכט צו פאָדערן פון דיר, צו האַלטן דאָס געשעפט פאַרמאַכט אין זיבעטן טאָג פון דער וואָך, שבת קודש...

לויט דעם קען מען טייטשן דעם פסוק (שמות כט, י) 'ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך, ויום השביעי שבת לה' אלוקיך'. דער אויבערשטער זאָגט צו די אידן, איך בין דאָך אַ 'שותף' מיט דיר, און דער זיבעטער טאָג איז 'מיינער', אויב איר וועט מיר געבן דעם הייליגן טאָג פון שבת, זיך צו פירן דעמאָלס אַזוי ווי איך וויל איר זאָלט זיך פירן, דער טאָג זאָל זיין הייליג מיט תורה און תפילה און עבודת השם, עס זאָל זיין ממש אין דער בחינה פון 'יום קדוש הוא מבואו ועד צאתו', וועל איך אויך דיר משפיע זיין אַלעס גוטס אין די אַנדערע טעג פון דער וואָך, וואָס זענען דיינע, און די וועסט וועט זוכה זיין צו טוהן 'ועשית כל מלאכתך'... מצליח זיין אין אַלע געשעפטן במשך פון די זעקס טעג פון דער וואָך. דאָס זעלבע, אויב מ'טוט 'אינוועסטירן' אין דעם פרייטאָג צו נאַכטס, אַז עס זאָל זיין אינגאַנצן הייליג פאַר דעם באַשעפער, איז מען זוכה צו 'מיניה מתברכין כל יומא שתא'...

אַ איד וואָס האָט שכל, טוט באַשטימען פאַר זיך אַ צייט צו לערנען פרייטאָג צו נאַכטס, ספּעציעל אַז די קדושה פון שבת העלפט פאַר'ן מענטש נאָך בעסער משיג צו זיין די טיפקייט פון תורה, ווי עס שרייבט דער 'אבן עזרא' ז"ל אין 'אגרת השבת': 'בכל יום ימצאו שערי תבונה, וביום השבת יפתחו מאה שערים' - יעדן טאָג, זענען אפען די שערי תבונה, צו פאַרשטיין תורה, אבער און אין דעם טאָג פון שבת, ווערן געעפענט 100 פון די טויערן.

אַזוי שרייבט אויך דער 'שיטה מקובצת' (ביצה טז.) אַז דורך די נשמה יתירה איז חל אויפ'ן מענטש אַ הימלישע שפע און מער שכל צו לערנען און מעיין זיין אין די זאַכן וואָס דער אויבערשטער טוט. און דער 'דרישה' שרייבט (או"ח סי' ת"ל סק"א) אַז דער טאָג פון שבת איז צוגעגרייט צו לערנען אין איהם, ווייל עס איז דאָ אַ סגולה אין דעם טאָג, צוליב די 'נשמה יתירה' וואָס דער מענטש האָט אין שבת, און עס העלפט פאַר יעדן איינעם וואָס זוכט די תורה.

דער גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל האָט עדות געזאָגט אויף זיך, אַז אין דעם שבת'דיגן טאָג פלעגט ער זוכה זיין אַז זאַכן וואָס ער האָט במשך פון דער וואָך נישט פאַרשטאַנען, זענען אַנטפּלעקט געוואָרן פאַר איהם אין שבת. זעהען מיר פון דעם, אַז שבת איז אַ שעת הכושר צו לערנען אויך מיט די קינדער, ווייל שבת איז זייער האַרץ אָפען אויפצוכאַפּן די לימודים.

אין די לאַנגע ווינטער-נעכט, איז אויך אַ 'זמן גרמא' צו פּרובירן אויפשטיין פריער שבת אינדערפרי, צו לערנען תורה, אַלס אַ 'הכנה דרבה' צום דאַווענען. באמת, איז נישט דאָ אויף דער וועלט אַ גרעסערער תענוג ווי צו לערנען תורה אין דעם הייליגן טאָג פון שבת, ספּעציעל שבת אינדערפרי פאַר'ן דאַווענען, ווי דער 'חזון איש' זצ"ל האָט געזאָגט, אַז אויב אַ גוי וואָלט געוואוסט און געשפּירט דעם וואונדערליכן טעם וואָס אַ איד שפּירט ווען ער לערנט אַ בלאַט גמרא פאַר'ן דאַווענען שבת אינדערפרי, וואָלט ער געקומען זיך מגייר זיין און זיך שיצן אונטער די פליגל פון די הייליגע שכינה.

ווילן מיר צוגעבן צו די ווערטער פונעם 'חזון איש', מיר דאַנקען דאָך דעם אויבערשטען יעדן אינדערפרי, 'שלא עשני גוי', אַז ער האָט אונז נישט געמאַכט אַלס אַ גוי, און מיר לויבן איהם אַז מיר האָבן זוכה געווען צו זיין די קינדער פון אברהם יצחק ויעקב, און מיר דאַרפן זיך נישט 'מגייר זיין' צו ווערן פון אַ גוי אַ איד, איז דאָך אַוודאי געוויס אַז מיר דאַרפן זיך כאַטש 'מגייר זיין' אין דעם ענין, צו באַשטימען אַ צייט צו לערנען שבת קודש אינדערפרי בהשכמה, און אַז די תורה זאָל ביי אונז זיין "מתוקים מדבש ונופת צופים".

'דמיון'. זיין גאַנצע אַרבעט און האָרעוואַניע איז אויסצונאַרן די מענטשן מיט פאַלשע דמיונות, זיי זאָלן מיינען אַז עס איז דאָ אַ 'פאַרגעניגן' ביי די הנאות פון דער וועלט, און ווען מ'טוט אַן עבירה. אַלעס איז נאָר אַ דמיון, אָן אַ ממשות[ח].

### ויאבק - דער עצם קאַמף מיט'ן יצר, איז גורם פאַר'ן אויבערשטען אַ נחת רוח

**ויאבק** איש עמו[ט] (לב, כה). זאָגט די גמרא (חולין צא.) רבי יהושע בן לוי האָט געזאָגט, זיי האָבן אַזוי שטאַרק געקעמפט אַז די שטויב פון זייערע פיס זענען

---

עס איז באַקאַנט וואָס עס שרייבט דער הייליגער 'בית אהרן' זי"ע פון קאַרלין ('בית אהרן', דף קמד.) אַז צו לערנען גמרא אינדערוואָכן פאַרטאָגס, איז אַ בחינה פון 'גן עדן התחתון', און שבת פאַרטאָגס, איידער די זון שיינט אויף, איז צו לערנען דעמאָלס, אַ בחינה פון 'גן עדן העליון'.

**ח.** די גמרא זאָגט (סוכה נב.), אַז לעתיד לבוא, ווען דער אויבערשטער וועט הרג'ענען דעם יצר הרע, 'צדיקים נדמה להם כהר, ורשעים נדמה להם כחוט השערה'. פאַר די צדיקים וועט זיך דאַכטן אַז דער יצר הרע איז געווען אַזוי ווי אַ באַרג, און ביי די רשעים אין די אויגן, וועט ער אויסזעהן ווי אַ דין האָרל. האָט געפרעגט דער גרערער רבי, הרה"ק בעל 'פני מנחם' זי"ע, וואָס איז טאַקע דער יצר הרע באמת, אַ 'היוכער באַרג', אָדער אַ 'חוט השערה'?

האָט דער 'פני מנחם' געענטפערט, פון לשון פון די גמרא 'נדמה' להם כהר, און 'נדמה' להם כחוט השערה, זעהט מען אַז דער גאַנצער מהות פון דעם יצר איז נישט מער ווי סתם אַ דמיון. אַ דמיון קען אויסזעהן אויף פאַרשידענע אופנים. ביי איינעם איז עס אַ 'באַרג', און פאַר אַ צווייטן, איז עס אַ 'דין האָרל'.

על דרך משל, אַ יונג קינד איז געגאַנגען אויף דער גאַס ביינאַכט. ביי די זייטן פון דער גאַס זענען דאָ לעמפּ, וואָס וואַרפן אַ שאָטן גאָר ווייט. האָט דאָס קינד זיך דערשראָקן פונעם שאָטן, ווייל מ'זעהט אין דעם שאָטן מאָדנע באַוועגונגען, וואָס וואַרפן אַ פחד. ווי אַזוי קען דער פאָטער באַרואיגן זיין קינד? ער דערנענטערט איהם צו דעם מקור פון די לעכטיגקייט, און דאַן פאַרשווינדן אַלע שאָטנס, און צוזאַמען דערמיט, דער גאַנצער פחד און בהלה, ווייל ווען מ'שטייט ביי די גרויסע ליכט, זעהט מען דאָך אַז דער גאַנצער שאָטן האָט נישט קיין ממשות, נאָר עס איז סתם אַ דמיון.

דער נמשל איז: אַ מענטש ציטערט פונעם 'שאָטן' פונעם יצר הרע. ער שטעלט זיך פאָר, אַז אויב ער וועט טוהן אַזוי און אַזוי, וועט זיין סוף זיין ביטער חלילה. איז די עצה פאַר איהם, ער זאָל זיך דערנענטערן צו דעם מקור פון לעכטיגקייט. דאָס הייסט, ער זאָל אַריינשיינען אין זיין נשמה, דורך זיך שטאַרקן אויפ'ן יצר. דאַן וועט ער זעהן אַז אַלעס איז נישט מער ווי אַ דמיון - 'עורבא פרח' (ביצה כא.).

דער קאָצקער רבי זי"ע האָט געזאָגט: ריכטיג, דער יצר הרע איז אַ 'לייב', אָבער ער איז אַ 'פּאַפּירענער לייב'... מ'דאַרף זיך נאָר אַביסל דערנענטערן און פּרובירן איהם צו צערייסן, און דאַן קען מען זעהן אַז מ'איז בכח - און יעדער איד איז בכח צו צערייסן דעם יצר הרע.

די גמרא זאָגט (סוכה נב.) 'יצר הרע בתחילה דומה לחוט של בוכיא, ולבסוף דומה כעבותות העגלה'. אין אָנהייב, איז דער יצר הרע אַזוי ווי אַ דינער פאָדים, און צום סוף איז ער אַזוי ווי דיקער שטריק פון אַ וואָגן. קען מען צושטעלן צו דעם, די ווערטער פון דעם הייליגן בעל התניא זי"ע (אין 'אגרת התשובה'), וואָס ער שרייבט בזה הלשון: ס'איז אַזוי ווי אַ מענטש וואָס וועט אוועקלייגן ביים פענצטער, אַנטקעגן דעם שיין פון די זון, אַסאַך לייכטע און דינע ווענטלעך, אָבער זיי וועלן זיכער מאַכן טונקל אין הויז, אַזוי ווי מ'וואָלט דאָרט אויפגעשטעלט אַ דיקע וואַנט. דאָס זעלבע איז מיט'ן יצר, וואָס ער איז צוגעגליכן צו 'דינעם פאָדים', עס איז באמת דין, מ'קען עס לייכט צערייסן, און עפענען דעם פענצטער וואו זיי האָבן געוועבט דאָס שפּין וועבעכטס נאָך און נאָך, ביז זיי האָבן טונקל געמאַכט אין צימער. אַ נאַרישער מענטש, וועט אָבער אָנהייבן וויינען אַז עס איז איהם טונקל און פינצטער. דער קלוגער מענטש ווייסט אָבער, אַז אַלעס וואָס ער דאַרף טוהן איז נאָר אויפצושטיין און צערייסן כלאחר יד די גאַנצע שפּין וועבעכטס, וואָס איז נישט מער ווי אַ דינער צודעק, און אַזוי וועט ער קענען געניסן פון די זון-שטראַלן. דאָס זעלבע איז ביי די מלחמה מיט'ן יצר. ס'איז נישט אַנדערש ווי נאָר אַ דמיון. אויב דער מענטש שטעלט זיך אַוועק און צערייסט די 'מחיצות' פונעם דמיון, וועט זיין הויז פול ווערן מיט לעכטיגקייט און מיט שמחה.

דער אַלטער זצ"ל פון נאַווארדאַק, האָט געזאָגט דעם פאָלגענדן משל: אַ אָרימאַן איז געגאַנגען אויף דער גאַס בעצם יום השבת קודש, און אָט דערזעהט ער אַ גרויסע סומע געלט ליגן אויף דער זייט פון וועג. האָט ער

אָנגעהויבן טראַכטן פאַרשידענע היתרים, ווי אַזוי ער מעג נעמען דאָס געלט, כאָטש ס'איז מוקצה אין שבת. לכתחילה האָט ער געטראַכט מתיר צו זיין אַלס 'פיקוח נפש', ווייל ער איז דאָך אַ בלוטיגער אָרימאַן ל"ע וואָס פאַרמאָגט נישט אַפילו אַ פרוטה אין הויז, און מיט זיין גרויס אָרימקייט קען עס דערגרייכן אַ מצב פון פיקוח נפש ח"ו, וואָס איז דוחה שבת לכל הדעות. דערנאָך האָט ער געטראַכט ביי זיך, אַז ער מעג נעמען דאָס געלט אין אַן אופן פון 'כלאחר יד', אָדער מיט אַ 'שינוי'... אָדער אפשר, זאָל ער גאָר נעמען דאָס געלט מיט אַ היתר פון זיך באַנוצן דערמיט אָנצוואוארימען די הענט, וואָס דעמאָלס איז עס אין כלל פון 'לצורך גופו'... צום סוף, איז אָבער צוגעקומען צו איהם אַ איד, און איהם אַריינגערוימט אין אויער: ר' איד, דאָס איז פאַלשע געלט איז... ס'איז נישט מער ווי שטיקלעך פאַפּיר וואָס האָבן נישט קיין ווערד... און וואונדער איבער וואונדער: אין אַ סעקונדע האָט זיין גאַנצע התלהבות זיך אָפּגעקילט. ער האָט זיך באַרואיגט אויף אַ וואונדערליכן אופן, ער האָט שוין נישט געהאַט דעם באַגער צו נעמען פאַר זיך דאָס געלט. אין אַ מינוט האָט זיך אָפּגעטוהן פון איהם דער גאַנצער נסיון, און צוזאַמען דערמיט, אַלע 'היתרים' וואָס ער האָט פריער אויסגעזוכט פאַר זיך.

אַזוי איז עס מיט יעדן נסיון און תאווה, וואָס 'ברענט' אין האַרץ פון מענטש. אויב ער זאָל נאָר פאַרשטיין אַז עס פאַרמאָגט נישט אַן אמת'ע ווערד, ס'איז נישט מער ווי סתם אַ דמיון, וועט ער זיך אָפּקילן דערפון. דער גאַנצער פייער פון די תאווה וועט זיך פאַרלעשן, און ס'וועט דערפון ווערן סתם 'אַש', ווייל ער וועט פאַרשטיין אַז אַלעס איז נאַרישקייטן. עס האָט נישט קיין ממשות.

**ט.** דער זוהר הקדוש (ח"א קמד.) פרעגט אויפ'ן פסוק וואָס דער מלאך האָט געזאָגט צו יעקב, 'שלחני כי עלה השחר', וואָס פון דעם איז משמע אַז יעקב האָט איהם אָנגעכאַפּט און דער מלאך האָט נישט געקענט גיין פון דאָרט אויב יעקב וועט איהם נישט אָפּלאָזן. איז שווער, ווי אַזוי איז שייך אַז אַ מענטש, אַ 'בשר ודם', זאָל קענען אָנהאַלטן אַ מלאך וואָס איז בלויז רוחניות, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קד, ד) 'עושה מלאכיו רוחות, משרתיו אש לוהט'? אלא מאן, זעהט מען פון דאָ - זאָגט דער זוהר - אַז ווען אַ מלאך קומט אַראָפּ אויף דער וועלט, ווערט ער נתלבש אין די גופים פון עולם הזה, און אויך דאָ, איז דער מלאך, ווען ער איז אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט, האָט ער געקעמפט מיט יעקב, נאָר דערפאַר ווייל ער איז געווען איינגעהילט אין אַ גוף, אַזוי ווי אויף דער וועלט, און וועגן דעם האָט יעקב איהם געקענט אָנכאַפּן.

דער גאון רבי שמואל לייב זאַק זצ"ל, ביאַלער רב (אַ תלמיד פון הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע), שרייבט אין זיין ספר 'רמזי דחכמתא', אַז פון דאָ קען מען לערנען אַ גרויסן יסוד פאַר די גאַנצע מלחמת היצר, אַז פונקט אַזוי ווי דער שר של עשו האָט געקעמפט מיט יעקב נאָר ווען ער איז געווען גלייך צו איהם - ווען ביידע זענען געווען אין גופים אויף דער וועלט, אַזוי גיט מען נישט פון הימל אַ כח פאַר דעם יצר הרע מלחמה צו האַלטן מיט'ן מענטש, אויף אַן אופן ווען דער כוח פונעם יצר איז גרעסער ווי דער כוח פון דעם מענטש, נאָר דער יצר הרע קומט צו יעדן איינעם לויט זיינע כוחות, און ממילא, איז דער מענטש בכח צו קעמפן קעגן דעם יצר הרע, און איהם באַזיגן...

דער מענטש דאַרף וויסן, אַז וואָס שווערער עס קומט אָן צו באַזיגן דעם יצר, אַלץ גרעסער איז דער נחת רוח פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא, און דער מענטש וועט באַקומען שכר אָן אַ סוף.

דער 'שבט מוסר' (פרק נא, אות ז) אַ טעם פאַרוואָס דער גלות דויערט אַזוי לאַנג, ווייל אדרבה, עס איז אַ טובה פאַר אונז און וועט אונז געבן אומצאָליגע מעלות און גרויס רחמים לעתיד, ווייל דער אויבערשטער האָט געזעהן אַז אידן זענען מקיים די תורה און מצוות אין גלות מיט גרויסע באַמיאונגען, און מיט גרויסע הוצאות פאַר יעדער מצוה, און מיט דעם אַלעם, טוהען זיי נישט קאָפּען ח"ו, נאָר זיי האָבן מסירות נפש כדי נישט עובר צו זיין חלילה... דאָס אַלעס ווייזט אויף די גרויסע און שטאַרקע דביקות אינעם באַשעפער, מה שאין כן ווען אידן האָבן זיך געפונען אין ארץ ישראל, נאָך דערצו אַז זיי האָבן נישט געהאַט אַזעלכע נסיונות אַזוי ווי מיר האָבן היינטיגע צייטן, דאָס איז זיס ביי דעם באַשעפער און ער האָט פאַרלענגערט אונזער גלות.

עס איז אַ גרויסע שמחה פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא ווען אידן זענען מקיים זיינע מצוות און זיינע תורות מתוך צער און ענגשאַפט, און זיי טוהען עס מיט אַ פרייליך און גוטמוטיג האַרץ. 'וגזרה חכמתו הרמה להאריך הגלות, לראות בשחקנו עמו ובתורתו' - און זיין חכמה ברוך הוא האָט גוזר געווען צו פאַרלענגערן דעם גלות כדי צו זעהן ווי מיר פרייען זיך מיט איהם און מיט זיין תורה. ווייל עס איז אַ גרויסע שמחה פאַר איהם ווען מיר ווייזן אונזער ליבשאַפט פאַר איהם, פאַר די גאַנצע פמליא של מעלה.

אַרויפגעגאַנגען ביז דעם כסא הכבוד. האָבן צדיקים געטייטשט, פון דעם שטויב פון יעקב מיט דעם שרו של עשו איז געוואָרן אַזאַ נחת רוח פאַר דעם אויבערשטען, ביז'ן 'כסא הכבוד'.

**דאָס** איז אַ לימוד פאַר אַלע קומענדיגע דורות, אַז דער עיקר נחת רוח וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא האָט פון זיינע באַשעפענישן אויף דער וועלט, איז פון דעם וואָס זיי געפינען זיך שטענדיג אין אַ מצב פון אַ נסיון. יעדעס מאָל וואָס זיי קעמפן מיט'ן יצר און האַלטן זיך איין פון צו טוהן אַן עבירה ח"ו, גייט אַרויף אַן 'אשה ריח ניחוח' פאַר'ן באַשעפער.

**ממילא,** זאָל דער מענטש זיך נישט ערגערן ווען ער זעהט אַז ער האָט פאַרשידענע נסיונות און ער דאַרף כסדר מלחמה האַלטן מיט'ן יצר הרע, און ער זאָל נישט זאָגן, וואָס פעלן מיר אויס אַלע נסיונות, 'לא הן ולא שכרן' - איך בין דיר מוחל די נסיונות, און אויך זייער שכר... איך זעה דאָך אַז איך פאַל שטענדיג אַדורך אין די מלחמה.

**דאָס** איז אָבער נישט ריכטיג, ווייל די עצם מלחמה און דער קאַמף מיט'ן יצר איז דער עיקר תפקיד און תכלית פון אַ מענטש אויף דער וועלט. דער אויבערשטער פאַרלאַנגט נישט פון זיינע באַשעפענישן דעם נצחון, נאָר די מלחמה'.

**לויט** דעם, טייטשן גדולי ישראל (דער גאון רבי חיים עוזר גראָדזענסקי זצ"ל, און נאָך), דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (לב, לג) 'על כן לא יאכלו בני ישראל את גיד הנשה'. לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס דאַרף מען מאַכן אַ זכר פאַר דעם 'דורכפאַל', וואָס דער שר של עשו האָט געמאַכט אַ שאָדן פאַר יעקב אבינו ע"ה (דורך אַוועקרוקן זיין דיכט), און מ'מאַכט נישט אַ 'פרסומי ניסא' פאַר דעם נס וואָס ער האָט געהאַט...

**איז** דער תירוץ, ווייל דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז די אידן זאָלן געדענקען די מלחמה וואָס יעקב אבינו ע"ה האָט געהאַט מיט דעם שר של עשו, וואָס דאָס איז די מלחמה וואָס יעדער איד דאַרף פירן מיט'ן יצר הרע, ווייל דער עצם קיום און יסוד פון אידישקייט איז די מלחמה קעגן דעם יצר הרע, 'בכל יום ובכל עת ובכל שעה'[יא].

**דער** מענטש דאַרף וויסן ווען זיין גרויסע מעלה, אַז דאָס איז נאָר דערפאַר ווייל ער שטייט ביי אַלע

---

דעריבער, אַלס שכר פאַר דעם לאַנגען צער וועלן מיר זוכה זיין צו סגולה'דיגע טובות, וואָס מ'האָט נאָך נישט געזעהן אַזוינס, און קיין מקטרג קען נישט מקטרג זיין, וויבאַלד זיי זעהען אונזער ליבשאַפט פאַר דעם באַשעפער, עכ"ל.

**י.** דער פסוק זאָגט אין דער היינטיגער סדרה (לב, כט) 'ויאמר לא יעקב יאמר עוד שמך כי אם ישראל, כי שרית עם אלוקים ועם אנשים ותוכל'. איז שווער, פאַרוואָס איז יעקב גערופן געוואָרן מיט'ן נאָמען 'ישראל', צוליב דעם וואָס ער האָט געקעמפט ('כי שרית')? לכאורה, וואָלט ער ענדערש געדאַרפט אָנגערופן ווערן אויפ'ן נאָמען 'ותוכל', וואָס ער איז בייגעקומען דעם יצר ('מיכל', א.ד.ג.).

ענטפערט הרה"ק רבי לייבעלע איגר זי"ע (אין זיין ספר 'אמרי אמת'), אַז פון דאָ זעהט מען אַז דער אויבערשטער קוקט נישט צי דער מענטש האָט באַזיגט דעם יצר, נאָר דער עיקר איז 'כי שרית', אויב ער איז געשטאַנען אין דער מלחמה און געקעמפט קעגן דעם יצר. דער נצחון וואָס דער מענטש האָט קעגן דעם יצר, איז נישט מער ווי אַ 'מתנת חינם' פון הימל, און נישט מכח דעם מענטש. אדרבה, נאָר די מלחמה ווערט אָנגערופן אויפ'ן נאָמען פונעם מענטש, און צוליב דעם ווערט יעדער איד אָנגערופן מיט'ן נאָמען 'ישראל'.

מיר האַלטן דאָך שוין אָט-אָט ביי דעם יום טוב חנוכה הבעל"ט, ווען מיר וועלן שפילן 'דריידל'. דעם 'דריידל', דרייט דער מענטש אַביסל, און ער דרייט זיך אַרום און דרייט זיך אַרום נאָך און נאָך ביז ער קומט אָן צו זיין תכלית. דאָס זעלבע אין עבודת השם, יעדער איינער לויט זיין מדריגה. ער דאַרף נאָר אָנהייבן די מלחמה מיט'ן יצר, און דאַן העלפט דער אויבערשטער אַז ער זאָל איהם קענען באַזיגן און ממשיך זיין די הייליגע אַרבעט.

**יא.** אַזוי שרייבט דער 'חפץ חיים' זי"ע ('חפץ חיים' על נ"ך, תהלים קה ג), אַז דער אויבערשטער קוקט נאָך דעם מענטש נאָר לויט וויפיל גליסטונג און רצון ער האָט, ווי דער פסוק זאָגט דאָרט: ישמח לב מבקשי ה'. ער זאָגט נישט 'עושי רצון ה'', נאָר 'מבקשי ה'', ווייל דער עיקר איז צו זיין פון די וואָס 'זוכן' דעם אויבערשטען.

נסיונות און ער טוט אויסוויילן צו גיין אויפ'ן גוטן וועג, ווי דער הייליגער 'חתם סופר' זי"ע שרייבט (פרשת שמות, עמוד ד', ד"ה 'ויאמר'), אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (לב, כט) 'כי שרית עם אלוקים ועם אנשים ותוכל'. לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס האט ער צוגעגעבן דאס ווארט 'ותוכל'. עס וואלט געווען גענוג צו זאגן 'כי שרית עם אלוקים ועם אנשים', ווייל פון דעם וואלטן מיר דאך אויך געוואוסט אז עס איז איהם געלונגען זיך צו שטארקן אויף דעם שר של עשו.

**ענטפערט** דער 'חתם סופר', דער מלאך און דער מענטש האבן א מעלה און א חשיבות איינער אויפ'ן אנדערן. יעדער איינער פון זיי האט אן אנדערע חשיבות. פון איין זייט, איז דער מלאך גרעסער ווי דער מענטש, ווייל ער איז דאך 'ריין' פון יעדע שייכות מיט גשמיות. דאקעגן, דער מענטש האט א מעלה, ווייל דאס ביסל וואס ער הייליגט זיך און ריינגט זיך, קומט דאך מכח זיין 'בחירה' אויסצואוויילן פאר זיך דעם דרך הטוב והישר, און ער האט די מעגליכקייט זיך צו בייגן ח"ו צו די שלעכטע זייט, צו טוהן וואס מ'טאר נישט טוהן חלילה, אבער ער שטארקט זיך אויף די נייגונגען פון זיין הארץ און ער קלויבט אויס דעם גוטן וועג. ממילא שטייט דער מענטש אויף א פיל העכערער מדריגה ווי א מלאך וואס האט נישט קיין מלחמת היצר.

**דאס** איז די כוונה פון די ווערטער וואס דער מלאך האט געזאגט צו יעקב: 'כי שרית עם אלוקים ועם אנשים' - מיט דיין קעמפן קעגן דעם שר של עשו, ביזטו געווארן א גרויסער 'שר', ווייל 'ותוכל' - דו האסט דאך געהאט די מעגליכקייט צו זינדיגן ח"ו, און פונדעסטוועגן האסטו זיך אפגעהיטן פונעם חטא, ממילא, ביזטו ראוי אנגערופן צו ווערן מיט'ן נאמען 'ישראל'[יב].

### ויבן לו בית - טוהן גוטס מיט אנדערע מענטשן

**אין** דער היינטיגער סדרה (לג, יז) לייענען מיר: 'ויעקב נסע סכותה ויבן לו בית ולמקנהו עשה סוכות, על כן קרא שם המקום סוכות'. דארף מען פארשטיין, איז דען דער שטייגער פון מענטשן צו רופן א נאמען פון א פלאץ אויפ'ן ארט וואו די בהמות האבן געוואוינט, און נישט אויפ'ן נאמען פון דעם וואוין-ארט פונעם מענטש?

---

דאס איז אויך מרומז אין פסוק אין דער היינטיגער פרשה (לה, יז) 'ויהי בהקשותה בלדתה ותאמר לה המילדת אל תיראי כי גם זה לך בן'. זאגט דער 'רמזי דחכמתא', אז עס גייט ארויף אויף א איד וואס דינט דעם אויבערשטען, וואס ער שפירט אסאך שוועריגקייטן און נסיונות ('בהקשותה'), און ער פרובירט זיך צו שטארקן, און פונדעסטוועגן פאלט ער און ער הייבט זיך אויף פון זיין נפילה, און דערנאך פאלט ער ווייטער... עס זעהט אויס אין זיינע אויגן ווי ער האט נישט דערגרייכט זיין ציל. אויף דעם זאגט מען איהם: 'אל תיראי, כי גם זה לך בן' - אויך דאס, די יגיעה זעלבסט, איז א 'הולדה' פון א קינד ('לך בן')... וויבאלד מיט די עצם יגיעה, האט ער שוין געטוהן די פליכט וואס ליגט אויף איהם, און מיט דעם געפינט ער חן אין די אויגן פון באשעפער, ווייל דער אויבערשטער קוקט אויף די הארעוואניע, און ער קוקט נישט אזוי ווייט צי מ'האט צום סוף דערגרייכט די געהעריגע רעזולטאטן.

**יב.** די גמרא דערציילט (קידושין פא.) אז מ'האט פון הימל געשטעלט רב עמרם חסידא אונטער א מורא'דיגן נסיון, ביז ער האט געשריגן 'נורא בי עמרם', אז עס ברענט א פייער אין הויז פון עמרם, כדי מענטשן זאלן זיך צונויפזאמלען אויסצולעשן דאס 'פייער' און ער וועט זיך שעמען פון זיי צו זינדיגן. דאן איז דער יצר הרע ארויסגעגאנגען פון איהם אין דער געשטאלט פון אן 'עמודא דנהורא' - א פייער זייל. האט רב עמרם געזאגט צו דעם יצר הרע, 'זעה נאר, דו ביזט פייער און איך בין א בשר ודם, בין איך שטארקער פון דיר'. זאגן די ספרים א כוונה דערין, מ'קען דאך נישט עסן פלייש, נאר דורך דעם וואס מ'קאכט עס, אדער מ'באקט עס, אדער מ'בראט עס אין פייער.

דאס איז די כוונה פון רב עמרם'ס ווערטער, 'אנא בישרא' - איך בין פלייש, און איך ווער בעסער דורך דיר, פונקט ווי דאס 'פלייש' וואס ווערט בעסער דורך דעם 'פייער', ווייל די גאנצע חשיבות פון מענטש איז ווייל ער האט א יצר הרע און ער שטארקט זיך אויף איהם. דייקא ווייל ער האט געהאט גאר א שווערן נסיון, האט ער זוכה געווען אנגערופן צו ווערן מיט'ן נאמען 'רב עמרם חסידא'.

**ענטפערן** די ספרים ('שבט הלוי' עה"ת, ד"ה 'קטנתי', ועוד), אַז דער עיקר חשיבות פון מענטש באַשטייט אין דעם וואָס ער טוט פאַר אַנדערע[ג] (אַפילו פאַר 'בהמות', צום ביישפּיל, פאַר מענטשן וואָס פירן זיך אַזוי ווי אַ בהמה, וואָס זעהט נישט אַ צווייטן נאָר זיך אַליין...) ווייל דאָס איז דער גאַנצער קנין פון אַ מענטש אויף דער וועלט, וואָס ער טוט און ער שענקט אַוועק פאַר אַן אַנדערן מענטש[ד]. דערפאַר האָט יעקב נישט אָנגערופן דאָס אָרט 'בית', אויפ'ן נאָמען פון דעם הויז וואָס ער האָט געבויט פאַר זיך.

**דער** 'חזקוני' שרייבט אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (לב, לג) 'על כן לא יאכלו בני ישראל את גיד הנשה', אַז די אידן זענען באַפוילן געוואָרן מיט די מצוה פון גיד הנשה, כדי זיי זאָלן שטענדיג געדענקען וואָס עס האָט פּאַסירט מיט יעקב אבינו ע"ה ווען ער איז געבליבן אַליין, נאָכ'ן אַריבערגיין דעם טייך צו זוכן די קליינע קריגלעך, וויבאַלד זיינע קינדער האָבן איהם נישט באַגלייט און ער איז געגאַנגען הינקעדיג נעמען די פלעשלעך. פון דעם דאַרף יעדער איינער זיך אַראָפּלערנען צו טוהן גוטס מיט אַנדערע, און זאָרגן פאַר יעדן איינעם'ס באַדערפעניש ברוחניות ובגשמיות[טו].

**דער** רבינו יונה שרייבט ('שערי תשובה', שער ג, יג) **אַז דער** מענטש איז מחויב זיך מטריח צו זיין צו זאָרגן

---

**יג.** אויפ'ן פסוק אָנהייב היינטיגע סדרה (לב, ד) 'וישלח יעקב מלאכים אל עשו אחיו', זאָגט רש"י: 'מלאכים ממש' - יעקב האָט געשיקט צו עשו מלאכים ממש. דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס האָט יעקב געזעהן פאַר וויכטיג זיך צו באַנוצן מיט מלאכים און זיי איבעררייסן פון די הייליגע עבודה וואָס זיי טוהען אויבן אין הימל? ער האָט דאָך געקענט שיקן זיינע קנעכט מיט'ן שליחות צו עשו.

ענטפערט הרה"ק רבי ר' בונם זי"ע פון פשיסחא, אַז פון דעם לערנען מיר וועגן דעם גרויסן חיוב צו טוהן גוטס מיט אידן, און זיי העלפן, אויף אַזוי ווייט, אַז ס'איז כדאי אפילו מבטל צו זיין אַ מלאך פון זיין גרויסע און הייליגע עבודה, צו טוהן אַ חסד מיט אַ איד.

אַזוי האָט עדות געזאָגט אויף זיך, הרה"ק בעל 'אהבת שלום' זי"ע פון קאָסוב (געברענגט אין ספה"ק 'אהבת שלום', פ' קדושים, בהגה"ה), אַז ווען ער לערנט תורה מיט התבוננות, ביז ער קומט אָן לויט זיין מיינונג צו די העכסטע מדריגות ('ברומו של עולם'), און אין יענער צייט, אויב עס איז דאָ אַ איד, אַפילו גאָר פשוט, און ער האָט עפּעס אַן עגמת נפש און ער דאַרף רעדן מיט מיר אַפילו אַ האַלבע שעה כדי ער זאָל פּטור ווערן פונעם צער, לייגט איך אין אַ זייט מיין גאַנצע תורה און מיין גרויסקייט, 'אַבי טוהן אַ טובה פאַר אַ אידן'.

**יד.** עס איז באַקאַנט וואָס דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע האָט געזאָגט (געברענגט אין לוח 'היום יום') אַז ס'איז כדאי פאַר אַ איד צו לעבן אויף דער וועלט זיבעציג און אַכציג יאָר, אַלעס כדי איין מאָל צו טוהן אַ טובה מיט אַ איד.

**טו.** דער גאון בעל 'בית הלוי' זצ"ל גאבד"ד בריסק, האָט זיך געפירט ווען ער האָט נאָך געדינט אַלס רב אין סלוצק, ווען ער איז אַרויסגעפאָרן פון שטאָט, אויסצוטוהן די רבני'שע קליידער, און ער פלעגט אָנטוהן פשוט'ע קליידער מיט אַ קאַסקעטל אויפ'ן קאָפּ, אַז מענטשן זאָלן איהם נישט דערקענען.

אַמאָל ווען דער 'בית הלוי' איז געווען אונטערוועגנס, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ גרויסער רעגן און מ'האָט נישט געקענט ווייטער פאָרן. זעהענדיג אַז אין אַ הויז לייכט זיך נאָך, האָט ער דאָרט אָנגעקלאַפּט אויף די טיר. לכתחילה האָט דער באַלעבאָס פון הויז נישט געעפנט די טיר, און ווען ער האָט שוין יאָ געעפנט, האָט ער איהם נישט געוואָלט אַזוי שנעל אַריינלאָזן אין הויז. ערשט נאָך אַ לאַנגען אייבעטן זיך אַז ס'איז אַזוי קאַלט אינדרויסן און עס איז אַ סכנה צו בלייבן אינדרויסן, האָט דער באַלעבאָס מסכים געווען אַריינצולאָזן דעם בריסקער רב אין שטוב, און ער האָט איהם געלייגט אין אַ ווינקל פון הויז, מיט אַ שרעקליכן בזיון.

אַ קורצע צייט שפּעטער, איז אָנגעקומען אין יענעם הויז, דער רבי פונעם באַלעבאָס, הרה"ק רבי אהרן קאַידנובער זי"ע, מיט אַן עולם חסידים. דער באַלעבאָס האָט באַלד אָנגעצונדן די לעקטער אין הויז, און דערלאַנגט פאַר די געסט אַ סעודת שלמה בשעתו.

ווען דער קאַדינובער רבי איז געגאַנגען זיך וואַשן די הענט צו די סעודה, איז ער אויפגעציטערט געוואָרן זעהענדיג ווי דער 'בית הלוי' ליגט אויף דער ערד מיט אַ שרעקליכן בזיון, און ער האָט זיך באַלד צעשריגן איבער דעם בזיון פון כבוד התורה... ער האָט איהם תיכף אויפגעשטעלט פון דער ערד, און איהם אָפּגעגעבן גרויס כבוד.

גוטס צו טוהן מיט זיין פאָלק[טז], און זיך באַמיען נאָכצוקוקן

די מצב פון זיין חבר, אָן קיין חילוק אויב ער איז אָרים

---

ווען דער באַלעבאָס האָט געהערט אַז זיין פריערדיגער 'גאַסט' איז נישט קיין אַנדערער ווי דער גאון הדור, דער 'בית הלוי', וואָס די גאַנצע וועלט ציטערט פאַר זיינס אַ וואָרט, איז ער צוגעגאַנגען צום 'בית הלוי' און מיט אַ ציטערדיגע שטימע איהם געבעטן מחילה סליחה וכפרה, אויף זיין שרעקליכן אַקט...

האָט דער 'בית הלוי' איהם געענטפערט, דער פסוק זאָגט אין דער היינטיגער סדרה (לד, ז) די קינדער פון יעקב האָבן געזאָגט וועגן דעם שענדליכן אַקט פון שכם דער זון פון חמור', כי נבלה עשה בישראל וגו' וכן לא יעשה'. ער האָט געטוהן אַ שרעקליכע מעשה אונז צו פאַרשעמען, און אַזוי טאָר מען נישט טוהן. לכאורה, איז עס אַ דאָפּלט לשון אין פסוק, וואָס ער זאָגט פריער 'כי נבלה עשה', און דערנאָך 'וכן לא יעשה'. אַוודאי געוויס אויב עס איז אַ מעשה נבלה, טאָר מען עס נישט טוהן.

- נאָר די כוונה פון פסוק איז - האָט דער 'בית הלוי' פאָרגעזעצט. - די קינדער פון יעקב האָבן געמיינט צו זאָגן, אַז אויף דעם אַליין וואָס ער האָט געטוהן אַ מעשה נבלה קעגן זייער שוועסטער, די טאָכטער פון יעקב, וואָלטן זיי אפשר איהם נאָך געקענט מוחל זיין, אָבער 'וכן לא יעשה' - מ'טאָר דאָך נישט טוהן אַזוינס פאַר קיין שום איד, יהיה מי שיהיה, און אויף דעם קענען זיי נישט האָבן קיין מחילה.

דער 'בית הלוי' האָט אויסגעפירט: 'אויף דעם וואָס איר האָט געטשעפּעט מיין כבוד אַלס גרויסער גאון, קען איך אייך מוחל זיין במחילה גמורה, אָבער אַזאַ שרעקליכע השפלה (צו לאָזן אַ גאַסט ליגן אויף דער ערד מיט שרעקליכע בזיונות) טאָר מען דאָך נישט טוהן מיט קיין שום איד, אַפילו מיט'ן נידעריגסטן מענטש... דעריבער וויל איך אַז איר זאָלט קומען מיט מיר צו מיין היים אין סלוצק, און זיך אויפהאַלטן ביי מיר צוויי וואָכן צייט'...

וכך הוה, דער איד איז מיטגעפאָרן מיט'ן 'בית הלוי' קיין סלוצק, און האָט זיך דאָרט אויפגעהאַלטן צוויי גאַנצע וואָכן. במשך די גאַנצע צייט פון זיין אויפהאַלט דאָרט, האָט דער גאון דער 'בית הלוי' איהם פערזענליך באַדינט, נישט צולאָזנדיג אַ צווייטן דאָס צו טוהן. ער אַליין, בכבודו ובעצמו, האָט געזאָרגט פאַר אַלע זיינע באַדערפענישן, און איהם באַדינט מיט איבערגעגעבנקייט, ביז ער האָט איינגעזעהן וואָס עס מיינט 'מידות' און גוטהאַרציגקייט.

**טז.** ווי מיר שמועסן כסדר, איז אין כלל פון 'זאָרגן פאַר אַ צווייטן', איז אויך ווען מ'זאָגט יענעם א גוט ווארט, וואָס דאס טוט אַריין גיסן אַ רוח החיים אין האַרץ פון דעם וואָס הערט עס, און עס דרינגט אַריין אין זיין קערפּער ווי קאַלט וואַסער אין אַ דורשטיגן און מידן מענטש. (און אויף דעם שרייבט רבינו יונה ז"ל, 'אם עשיר', אויב ער איז אַן עושר וואָס דאַרף נישט האָבן אַ גמילות חסד אין געלט, נאָר אַ חסד אין זיין נפש...).

די מעלה פון זאָגן אַ גוט וואָרט פאַר אַ צווייטן, קען מען זעהן פון דעם פּסוק אין דער היינטיגער פּרשה (לה, יז) 'ויהי בהקשותה בלדתה ותאמר לה המיילדת אל תיראי כי גם זה לך בן'. לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס איז דער דאָזיגער פסוק געשריבן געוואָרן אין דער תורה? וואָס איז אונז אַ נפקא מינה וואָס די הייבאַם האָט געזאָגט צו רחל אמינו? נאָר דער פּסוק קומט אונז לערנען, ווי חשוב און טייער עס איז ביי דעם באַשעפער ווען איינער איז מחזק זיין חבר און ער באַרואיגט איהם ער זאָל נישט מורא האָבן... כאָטש די הייבאַם האָט דאָ גאָרנישט מחדש געווען פאַר רחל, ווייל רחל האָט דאָך געוואוסט - מיט איר גרויסן בטחון - אַז זי וועט האָבן נאָך אַ זון, ווייל זי האָט דאָך מתפלל געווען אויף דעם, 'יוסף ה' לי בן אחר'. בפרט אַז רחל אמינו ע"ה איז געווען אַ נביאה, אויב אַזוי, פאַרוואָס דערציילט אונז די תורה אַז די הייבאַם האָט איר געשטאַרקט מיט חיזוק?

איז דער תירוץ, אַז יעדעס גוטע וואָרט וואָס אַ איד זאָגט פאַר זיין חבר, אפי' אויב ער איז איהם בפועל נישט מחזק דערמיט, איז אויך זייער חשוב אין הימל. דעריבער האָט די תורה עס געהאַלטן פאַר וויכטיג צו פאַרצייכענען לדורות עולם די ווערטער פון די מיילדת, 'אל תיראי, כי גם זה לך בן'... און אויף דעם זאָגן חז"ל (ע"ז י:) 'יש קונה עולמו בשעה אחת'.

דער גאון רבי שמואל ראָזאָווסקי זצ"ל, ראש ישיבה פון דער פּאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק, האָט אַמאָל געהערט ווי אַ איד געבעט צופאַרשטיין פאַר זיין חבר די מעלה פון זאָגן אַ 'גוט וואָרט' פאַר אַ צווייטן, ווייל עס איז אין גדר פון 'זה נהנה' (דער מענטש צו וועמען מ'זאָגט עס), און 'זה לא חסר' (דער מענטש וואָס זאָגט דאָס וואָרט). האָט רבי שמואל ראָזאָווסקי זיך אָנגערופן:

- אה, ס'איז שוין איינמאָל 'זה נהנה, וזה נהנה'... ביידע האָבן הנאה דערפון. ווער עס פאַרשטייט, ווייסט וואָס פאַר אַ 'גוטן טעם' עס האָט ווען מ'זאָגט אַ גוט וואָרט פאַר אַ צווייטן.

אָדער רייך, און דאָס איז פון די האַרבע מצוות און פון די עיקרים וואָס פאָדערן זיך פון דעם מענטש, עכ"ל[יז].

### ותרי"ג מצוות שמרתי - נאָר דורך תורה קען מען באַזיגן דעם יצר

**ויותר** יעקב לבדו, ויאבק איש עמו עד עלות השחר' (לב, כה), זאָגט רש"י אין נאָמען פון חז"ל (ב"ר פע"ז, ג), אַז דער 'איש' וואָס האָט מלחמה געהאַלטן מיט יעקב, איז געווען דער שר של עשו.

**פרעגט** דער גאון רבי אלחנן וואַסערמאַן זצ"ל הי"ד ('קובץ הערות', ביאורי אגדות על דרך הפשט, סימן ו, אות ו), פאַרוואָס האָט דער שר של עשו, וואָס ער איז דער ס"מ, נישט מלחמה געהאַלטן מיט אברהם און יצחק, נאָר ער האָט געוואַרט ביז יעקב?

**ענטפערט** רבי אלחנן, די וועלט פירט זיך, אַז ווען צוויי מענטשן שלאָגן זיך איינער מיט'ן אַנדערן, שטאַרקט זיך צומאָל איינער אויפ'ן אַנדערן, אָבער שפּעטער קען פּאַסירן פאַרקערט, אַז דער אַנדערער זאָל איהם שלאָגן און זיך שטאַרקן איבער איהם, און אַזוי קען די מלחמה זיך ציהען אַ לאַנגע צייט, און איינער זאָל נישט האָבן די אויבערהאַנט אויף דעם צווייטן, נאָר אויב ער באַווייזט אַוועקצונעמען פון יענעם זיין וואָפען. דאַן מוז דער צווייטער אָפּשטעלן זיין מלחמה מיט איהם.

**דאָס** זעלבע איז ביי די מלחמה מיט'ן יצר הרע. דער יצר ווייסט אַז אויך אויב ער וועט זיך שטאַרקן אויפ'ן מענטש איהם צו מאַכן זינדיגן ח"ו, איז דאָך מעגליך אַז דאָס ראָד זאָל זיך שפּעטער איבערדרייען און דער מענטש וועט איהם צוריקענטפערן מיט אַ גרעסערע מלחמה. וועגן דעם איז די הויפּט מלחמה פונעם יצר צו שטערן דעם מענטש ער זאָל נישט קענען לערנען תורה, ווייל דער גרעסטער און שטאַרקסטער וואָפען קעגן דעם יצר הרע איז די תורה, ווי חז"ל זאָגן (קידושין ל:) דער אויבערשטער זאָגט צו די אידן, איך האָב באַשאַפן אַ יצר הרע, אָבער איך האָב באַשאַפן די תורה וואָס איז דער 'תבלין' קעגן דעם יצר הרע. אַזוי לאַנג ווי איר וועט לערנען תורה, וועט איר נישט איבערגעגעבן ווערן אין זיין האַנט[יח].

**צוליב** דעם האָט דער שר של עשו נישט מלחמה געהאַלטן מיט אברהם אָדער מיט יצחק, ווייל אברהם איז דאָך געווען דער עמוד החסד, און יצחק איז געווען דער עמוד הגבורה - עבודה. יעקב איז אָבער געווען דער עמוד התורה, און וועגן דעם איז די הויפּט מלחמה פונעם יצר הרע, אָפּצורייסן די תורה פון די אידן.

---

**יז.** דער ליובאַוויטשער רבי זצ"ל האָט געפרעגט, איבעראַל איז די רעכטע זייט חשוב'ער ווי די לינקע זייט, אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער באַשאַפן דאָס האַרץ פון מענטש (וואָס איז זיין הויפּט חיות), אויף דער לינקער זייט פונעם גוף? מוז מען על כרחך זאָגן, אַז דאָס האַרץ פון מענטש איז נישט באַשאַפן געוואָרן פאַר זיך, נאָר פאַר אַ צווייטן... ער זאָל שפּירן וואָס עס פעלט פאַר זיין חבר, און וויבאַלד ווען מ'שטייט איינער אַנטקעגנאיבער דעם אַנדערן, איז די לינקע זייט פון יענעם אַנטקעגן זיין רעכטע זייט, וועגן דעם האָט דער אויבערשטער באַשאַפן דאָס האַרץ אויף די לינקע זייט פון מענטש, כדי דאָס האַרץ זאָל זיך געפינען אויף דער רעכטער זייט פון זיין חבר... ווייל דאָס איז דאָך דער תכלית פון זיין אַראָפּקומען אויף דער וועלט.

דער גאון רבי מרדכי באנעט זי"ע אב"ד ניקלשבורג, האָט זיך געפירט נישט צו עסן 'פּת שחרית', נאָר אויב ער האָט קודם געגעבן צדקה פאַר אַן אָרימאַן. צוצייכענדיג די ווערטער פון די גמרא (ב"ב יב:) רב אבדימי פון חיפה האָט געזאָגט, איידער דער מענטש עסט און טרינקט האָט ער צוויי הערצער, און נאָך דעם ווי ער האָט געגעסן און געטרינקען, האָט ער איין האַרץ. איז די כוונה דערפון, איידער דער מענטש האָט געגעסן אָדער געטרינקען, האָט ער 'צוויי הערצער', דאָס הייסט, וויבאַלד ער שפּירט הונגער און דורשט, דאַרף ער אויך שפּירן דעם געפיל פון אַנדערע מענטשן וואָס זענען הונגעריג און דורשטיג... אָבער נאָך דעם ווי ער האָט שוין געגעסן און געטרינקען, איז ער דאָך זאַט... און דער זאַטער מענטש שפּירט נאָר זיך אַליין, ער זעהט נישט אַז עס זענען דאָ נאָך מענטשן וואָס זענען הונגעריג און דורשטיג...

**יח.** הג"ר אלחנן זצ"ל הי"ד ברענגט דאָרט, אַז ער האָט געהערט פון הייליגן מויל פון דעם 'חפץ חיים' זי"ע, בזה הלשון: 'דעם יצר הרע אַרט ניט אַ איד זאָל פאַסטן און וויינען און דאַוונען אַ גאַנצן טאָג, אַבי ניט לערנען'.

**פון** דעם לערנען מיר וועגן דעם חיוב זיך אָנצוהאַלטן אין דער תורה מיט די גאַנצע שטאַרקייט, ווייל נאָר מיט'ן כח פון די תורה קען מען זיגן אין די מלחמה קעגן דעם יצר, און חז"ל זאָגן 'המאור שבה מחזירו למוטב'.

**אזוי** געפינען מיר אויך אין דער היינטיגע פרשה (לב, ה) 'עם לבן גרתי ותרי"ג מצוות שמרתי ולא למדתי ממעשיו הרעים'. זאָגט דער 'ערוגת הבושם' (ד"ה 'עם לבן'), אַז יעקב אבינו ע"ה האָט געמיינט צו זאָגן, אין דער צייט ווען 'הקול קול יעקב', האָט דאָך עשו נישט קיין שליטה אויף אידישע קינדער. מיין גאַנצער פחד פאַר דיר (עשו) איז נאָר געווען ווייל 'לא למדתי' - איך האָב נישט גענוג עוסק געווען אין לימוד התורה, ווייל איך האָב נישט געהאַט קיין צייט דערצו, צוליב די שלעכטע מעשים פון לבן הרשע, וואָס ער האָט מיך אָפּגענאַרט 'עשרת מונים'.

**ממילא** דאַרפן מיר זיך שטאַרקן אין לימוד התורה מיט אַ חיות און שמחה און התלהבות, און די תורה זאָל זיין פאַר אונז אַ זכות, צו שטיין ווי אַ פעלזן-שטיין קעגן אַלע אונזערע פיינט ברוחניות ובגשמיות, און מיר זאָלן זיין רואיג און זיכער אָן שום פחד פאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט.

**יהא** רעוא מן קדם אבוהון די בשמיא, אַז מיר זאָלן זוכה זיין געראַטעוועט צו ווערן פון די הענט פון עשו הרשע, און זיך דערנענטערן צו די קדושה, און אונזערע תפילות זאָלן אָנגענומען ווערן ברחמים וברצון, אור חדש על ציון תאיר ונזכה כולנו במהרה לאורו, אמן.